STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03411

# AMERIKA

Sholem Asch

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלום אַש.

# אַמעריקא

פערלאג „פּראָגרעס", ווארשא - נוי-יאָרק.

1911

Cl. Book
3
Lowell City Library.
Ac. 83163

83163
893
3

Типографія Ф. Бауммриттера, Красинская пл. № 6.
ВАРШАВА 1911 г.

# 1. דאָס געזעגענען זיך.

ווען מאיר מלמד איז אַהיים געקומען אַ אויף־האַר־נאַכט נאָך מעריב, ווי ער האָט זיך געהאַט שוין אָבגעזעגענט מיט זיין „חברה"‚ — צו עסען דאָס לעצטע נאַכט־עסען מיט זיין משפחה, פאַר זיין אָבפאָהרען נאָך אַמעריקא אַראָב, — האָט ער שוין געטראָפען יוסעלען, זיין יונגסטען, זעקס־יעהריגען זוהן, שטעהענדיג אויפ'ן בענקעל, און איז געווען דער ערשטער צום טיש, וועלכער איז געדעקט געווען מיט לעפעל־טעלער. און דערזעהענדיג דעם פאָטער, האָט יוסעלע מיט אַ לעפעל געקלאַפּט אין טיש, — און געשריען הויך אויף זיין דין קינדיש קול'כעל.

— ווייסט, טאַטע, וואָס די מאַמע קאָכט היינט? בעבעלעך, טאַטע.

די מוטער, חנה־לאה, האָט דעם קאָפּ אַרויסגעבויגען פון הינטער דעם פאַרהענגעל, וועלכעס האָט פאַרשטעלט דאָס קיכעל, און אויף איהר, שוין גאַנץ, גאַנץ אָבגעניצטען געזיכט האָט זיך געוויזען אַ שמייכעל, ווי אַ שטילע פרייד האָט זיך צורינען איבער איהר שטערן, וועלכער האָט זיך נישט גאַנץ אַרויסגעזעהן פון הינטערן טיכעל, און די אויגען האָבען אַהין געוויזען אויף דאָס יונגעל.

דער פאָטער האָט מיט אַ געמאַכטען בייזערדיגען טאָן זיך אָנגערופען:

— דו, יונגאַטש איינער, וואָס די מאַמע קאָכט, ווייסט 'דו, און וואָס פאַר אַ סדרה געהט, ווייסט דו אויך? —

— איך ווייס, — האָט יוסעלע, נישט אָהן גאווה, געענטפערט.

— לאָמיך הערען?

— לך לך? — ענטפערט יוסעלע אָב מיט איבערצייגונג.

— טאַ וואַנטלויף, יונגאַטש איינער, — שרייט דער פאָטער, מיט דעם פריהערדיגען געמאַכטען געבייזער.

— האָב איך נישט געוואוסט, טאַטע? — רייצט זיך יוסעלע.

אָבער די מוטער, וועלכע איז די גאַנצע צייט געשטאַנען ביים קעכעל, — אומגעקעהרט דאָס פנים צו יוסעלן, האָט געשמייכעלט מיט יענעם בעקאַנטען מוטערליכען, נחת־דיגען שמייכעל, וואָס איז מעהר ענהליך צו וויינען ווי צו לאַכען, — און וואָס האָט זיך צו חנה־לאה'ס טרויעריגען פנים אַזוי צוגעפּאַסט.

וואָרום די גרימאַסע פון צער, וואָס האָט זיך נור תמיד געוויזען אויף דעם געזיכט פון דער יוחנע, האָט די קנייטשען צום וויינען פערהאַרטעט אין איהר פנים, און ביי יעדער בעוועגונג פון איהר געזיכט האָט חנה־לאה'ס טרויעריג פנים אָנגענומען אַ וויינענדיגע גרימאַסע — דאָס געזיכט איז איצט בעגליקטען געווען מיט נחת אויף איהר קינד'ס חכמה, נור באַלד האָט זיך אויף דער קיך, וואָס די האָט זיך אויף דעם אויגענבליק אָבגעווענדט הערפון, אָנגעהויבען צו זידען און עפּיס צו „לויפען". די יוחנע האָט פערגעסען אין איהר פרייד, — און האָט צום קליינעם יונג אַדוער געשריען שוין מיט'ן טאָן פון אַ קללה — ווי דאָס קינד וואָלט שולדיג געווען אין דעם:

— ווי דאָס איז אַריינגעטהון אין דער אכילה, — ווען עס וואָלט נור געוואָלט אַזוי לערנען ווי עסען.

נור די מוטער האָט אויף דעם קליינעם יוסעלעס לשון־הרע גערעדט. אויף די זעקס־יאָהר, וואָס יוסעלע האָט געהאַט געצעהלט, האָט ער צו־וועניג געגעסען און צו־פיעל געלערנט. און איבערדויפט זענען יוסעלעס יאָהרען נישט אַדורכגעגאַנגען אין האָניג און אין פוטער געשמירט. דאָס קליינע יונגעל, וועלכעס די אויגעלעך האָבען זיך אַלעראַשטענס און אַלערבעסטענס נור אַרויסגעוויזען פון זיין טרויעריג גופל, וואָס איז בעשטאַנען פון הויט און ביינער, האָט שוין געהאַט צו פערצייכענען אַ היבש ביסעל פּורעניות. ער איז געווען אַ קינד, וואָס אַלץ האָט זיך צו איהם

„געשעפּעט", ווי די מוטער פּלעגט אויף איהם זאָגען. וואָס מער אַ קרענק עס איז נור „„אומגעזאָגען" אין שטעדטיל, — האָט זי דיך אַלערערשטענס „געדענצט" אויף יוסעלע'ן. נור יוסעלע האָט זיך דאָך אַרויסגעקראָגען פון אַלע שאַרלעכס און טיפוסען, און שטעהט אַט דאָ, מיט זיינע זעקס יאָהר יודישע קינדער־לעבען, מיט אַ פּאַרטי־גער עברי, מיט אַ סדרה, און אַ לעפּעל אין האַנד.

---

דער פּאָטער האָט יוסעלע'ס פּאות'לעך געקרייזעלט, געגלעט איהם מיט אַ לעכעלן אין דער באָרד, און געזאָגט צו איהם:

— ווייסט, יוסעלע, וואוהין דער טאַטע פאָהרט?

— נאָך אַמעריקאַ, — האָט יוסעלע אָבגעענטפערט.

— און וואו איז אַמעריקאַ? — פרעגט דער פּאָטער.

— ווייט, גאַנץ ווייט, — ווייזט יוסעלע מיט דער האַנד.

דער פּאָטער האָט איהם ביים האַנד אָנגענומען, אָנגעקוקט דאָס פּנים'ל, טיעפער איהם אַראָבגערוקט דאָס היטעלע, וואָס ער האָט איהם געהאַט געקויפט אויף שמחת־תורה, וואָס איז ניט לאַנג פאַרביי, און האָט אין דער שטיל געקרעכצט.

די פּאָטערליכע צערטליכקייט האָט יוסעלע געדענקט דורך די גאַנצע צייט, ווען דער פּאָטער איז נישט דאָ געווען.

נור באַלד האָבען זיך די טהירען געעפענט מיט אַ פּראַל, אין דעם שטיבעל זענען מיט אַמאָל אַריינגעקומען צולויפען צוויי יונגעלעך פון אַ יאָהר אַכט. ביידע אַזוי ווי אַ צווילינג, מיט צווי־לינגע קאַפּאָטקעלעך און קאַשקעטעלעך, זענען אַריינגעקומען גאָר פריילעך, מיט לאַכען און פרייד, נור דערזעהענדיג דעם פּאָטער, האָבען זיי זיך מיט איין מאָל בערוהיגט.

— אַהאַ, די קאָמאַנדע איז געקומען! — האָט די מוטער צו־געוואָרפען אַ וואָרט פון הינטער דעם אויווען.

די „קאָמאַנדע" האָבען זיך נעבען פּאָטער ביים טיש אַוועק־געזעצט, ווי סטאַטיקעס.

— וואָס עפּיס אַזוי פריה? — האָט דער פּאָטער געפרעגט.

— דער רבי האָט אונז אַהײם געלאָזט, זיך געזעגענענדיק מיט'ן מאַמען, — האָבן בײדע מיט אַמאָל אָפּגעענטפערט

אַלע זענען אַ מינוט שטיל געבליבן.

נאָר יאָסעלע, װעלכער איז דאָ געװען דער יונגסטער, און האָט זיך דאָ געפֿילט דער געליבסטער, האָט זיך צום ער־שטען אָפּגערופֿן, פֿרײדענדיג זיך:

דער טאַטע פֿאָרט אַװעק — נאָך אַמעריקאַ, נאָך אַמעריקאַ.

די יונגען האָבן נישט געװאָגט צו לאַכען, כאָטש זײ האָבן געװאָלט.

— װאָס איז אױף דיר די שׂמחה? — האָט די מוטער געזאָגט, אױפֿשטעלענדיג די זופּ אױפ'ן טיש, — מאיר, װאַש זיך, — האָט זי געענדיגט דעם זאַץ.

— און אױף רחלה'ן װעסט דו נישט װאַרטען?

— איך װײס נישט, װאָס זי זיצט אַזױ לאַנג.

— מן המתּם, קאָן זי נישט אַדורכקומען מיט'ן פֿעטער — אַ קלײניגקײט, אַזאַ עקשן, — האָט מאיר געזאָגט מיט אַ פֿלינקער בעװעגונג מיט דער באָרד, און דאָס האָט אַרױסגעװיזען זײַן צער מיט דעם קינד.

די יודענע איז מיט די זופּ אין האַנד שטעהן געבליבען און געקוקט אױף איהר מאַן. בײַ איהר איז עס געװען אַ װאונדער, אַז איהר מאַן, װעלכער האָט קײנמאָל צו די קינדער נישט גע־רעדט קײן װײך װאָרט, האָט שטענדיג געשריען אױף זײ, — זאָל רײדען מיט אַזאַ צער װעגען זײער עלטסטער טאָכטער רחל, װעלכע איז איצט געגאַנגען פּועל'ן בײַם פֿעטער װעגען די 25 רובל, װאָס ער האָט געזאָלט צו געבען אױף די הוצאות.

דער פֿעטער, חיים, איז געװען מאירס אַ יונגערער ברו־דער, — װעלכער האָט געטהון אַ שדוך נישט לױט זײַער יחוס, מיט אַ גרושה, און האָט איצט פֿערמאָגט היבשע עטליכע טױזענד רובל. ביז איצט האָט ער זיך איבערהױפּט געהאַלטען פֿון יחוס־חײַטענס פֿון איהם. נאָר דערנאָך, אַז מאירס געשעפֿט איז נאָך האָט זיך אינגאַנצען אָפּגעשטעלט, און דאָס מפרנס זײַן זײַן װײַב

און קינד האָט איהם שוין געהאַט געבראַכט נישט נור צו אַ'ין שטאַנד, האָט ער געמוזט אָנקומען צו זיין ברודער, צום „נגיד“; דאָס האָט איהם אָבער ווייניג געהאָלפען. און דער ייד, וועלכער האָט נור געקענט דאָס געסיל פון זיין שטעדטיל, וועלכעס פוהרט פון זיין הויז אין בית־המדרש אַריין, האָט אָבגעמאַכט ביי זיך אַראָבצו־ צופאָהרען קיין אַמעריקאַ, ווי די אַלע, וואָס האָבען נישט געהאַט קיין פרנסה אין שטעדטיל האָבען געטהון, און וואו ער האָט געהאַט אַ פּאָר פון זיין משפחה, — און די לעצטע פינף און צוואַנציג רובל, וואָס עס האָט איהם אויסגעפעהלט צו דער שיפס־קאַרטע, האָט ער געוואָלט קריגען ביי זיין ברודער, דעם „נגיד“. און, אַז ער האָט דאָס נישט געקאָנט פועלן ביי איהם, האָט ער געשיקט צו איהם זיין עלטסט מיידעל, רחל'ען, וועלכע איז בעקאַנט געוועזן אין געסיל פאַר אַ גאַנצע ברייטע און איז שוין נישט איינמאָל דעם פאָטער צו־הילף געקומען אין די זאַכען. וואָרום ווי יונג זי איז געוועזן — קוים צעהן יאָהר אַלט — אַזאַ מיילעכיל האָט זי שוין גע־ האַט. און אַז דער פאָטער איז צוריקגעקומען פון פעטער מיט גאָרנישט, — האָט זי געחאַפּט דאָס טיכעל אויף זיך און זי האָט געזאָגט, זי גייט נישט פריהער אַוועק — ביז זי ברענגט נישט מיט די פינף און צוואַנציג רובל, וואָס איז דעם פאָטער נויטיג צו די הוצאות.

מאיר איז זיך נישט געגאַנגען וואַשען. ער האָט זיך אַרויף און אַראָב געדרעהט איבער דער שטוב, געצופּט זיך די באָרד, און יעדעס מאָל אַ צוק געגעבען מיט'ן פנים, ווי ער וואָלט עפּיס פערטרייבען פון זיך, און צו די יונגען האָט ער געזאָגט:

— איהר זאָלט די מאַמע הערען, בעריל, חיים, — איהר הערט, איהר זאָלט פאָלגען די מאַמע, — און זאָלט בעגעהרען צו לערנען, — בעגעהרען צו לערנען, — וואָרום איך וועל נישט זיין — ווער ווייסט זיך — — —

ער האָט שוין געוואָלט זאָגען אַ ווייך וואָרט, — וואָס איז גאָרנישט לויט זיין כאַראַקטער, נור דאָס טראַכטען פון זיין ווייטער רייזע און וועגען זיין עלטסט מיידעל, וואָס שטעהט איצט און מאָנה'ט פאַר'ן פעטער וועגען די פינף און צוואַנציג רובל, האָט

אידם געבראכט דערצו. נור דערזעהענדיג, ווי בערל זיצט מיט איין פוס הינטער זיך און מיט׳ן צווייטען פוס ווי ער וואלט גע-קנידט, — האט ער אנגעהויבען צו שרייען:

— זעה, ווי דער יונג זיצט, זעה, דעם פוס אראב, דו יונגאטש איינער!

— איא, שוין וועלען זיי מיך הארגענען, עס וועט זיין א חורבן אך מיינע יאהר; ביי וועמען לאזט זיי מיך איבער? — האט איהם דאס ווייב דערמאהנט.

די ביידע אכט-יעהריגע יונגען זענען שטיל געזעסען, האבען זיך געפיהלט, ווי זיי וואלטען די מוטער געזעהן געקוילעט, און האבען מורא געהאט צו בעוועגען מיט אן אבר.

נור דער קליינער יוסעלע מיט׳ן קאפעלע און איינגעשמירט פנימל — ער האט געקלאפט מיט׳ן לעפעל אויפ׳ן טיש און גע-פרעהט זיך אליין: דער טאטע פאהרט קיין אמעריקא, דער טאטע פאהרט קיין אמעריקא!

נור באלד איז אריינגעקומען די מוהמע שיינדעלע, אין א טוך איינגעוויקעלט, און די „רויטע פלעקען", וועלכע האבען זיך געוויזען אויף איהרע ביינערדיגע באקען, האבען אויסגעזאגט, אז איהרע לונגען זענען נישט גאנץ... און דערפאר טאקע האט מען די גערופען „רויטע בעקעלעך". אריינגעקומען איז זי מיט א מינע, ווי מען קומט אריין צו בעקלאגען א טויטען. איידער זי האט נאך געזאגט „גוטען אווענד", האט זי געגעבען א ציה-אויף די אקסלען, א הוסט אב, און א גנבה׳שען בליק געווארפען ארום אין דער שטוב, און ווי עפיס ביי די ווענד געפרעגט:

— רחל׳ע איז נאך נישט געקומען צוריק? (די גאנצע שטאדט האט געוואוסט וועגען די פינף און צוואנציג רובל און וועגען רחל׳עס שליחות). און נישט ווארטענדיג אויף קיין אנטווארט — האט זי שוין געשטעלט א צווייטע פראגע:

— נאך נישט געגעסען?

און קוים האט זי געענדיגט די פראגע — האט זי שוין געהאט א דריטע:

— און לייבוש איז נאָך נישט געוועזען?

די פראַגע האָט איהר ברודער מאיר מעהר און בעטראַכט געענומען ווי די אַנדערע. לייבוש איז געוועזען איהר מאַן, זיין שוואָגער, מיט וועלכען ער פלעגט אַ גאַנץ יאָהר ברוגז זיין, האָטש זיי האָבען געקעדערט צו איין „שטיבעל“, און געפאָהרען צו איין רבי, וואָרום לייבוש גרינשפאַן, וואָס מאיר'ס פאָטער, עליו השלום, האָט איהם גענומען פאַר אַן איידעם פאַר זיין טאָכטער שיינדעלען, — איז ביי זיך געוועזען אַ גאַנצער מורינו, פון אַ שענער משפחה און האָט נאָך אַליין פּרעטענזיעס, אַז דער שווער האָט איהם נישט אָבגעגעבען דעם גאַנצען נדן, וואָס ער האָט איהם צוגעזאָגט, און ער האָט נישט אָבגעגעסען די גאַנצע קעסט, וועלכע ער האָט איהם פערשפּראָכען. און האָטש דאָס איז שוין געוועזען אַן אַלטע מעשה, און דער שווער אַליין איז שוין טויט אַ יאָהר אַכצעהן און האָט קיינעם קיין ירושה נישט איבערגעלאָזט — דאָך איז ער נאָך ברוגז געוועזען אויף דער משפחה, און האָט נאָך ביזן היינטיגען טאָג פּרעטענזיעס געהאַט צום ווייב. ער איז געוועזען אַ מענש אַ קאַלטער, אַ ווייניג-רעדער און אַ בעהאַלטענער אין זיך. מען האָט קיינמאָל נישט געוואוסט, וואָס ער טראַכט, נור דאָך איז ער געוועזען זעהר אַ וואַרים משפחה-מיטגליעד און ביי יעדען פאָרפאַל אין דער משפחה, סיי ביי אַ שמחה, סיי ביי צער, חלילה, פלעגט ער שטענדיג זיין דער ערשטער. און איצט אויך, נישט קוקענדיג, וואָס ער האָט נישט גערעדט מיט מאירן, — האָטש ער האָט איהם יעדען טאָג געטראָפען, — האָט ער, ווי זיין ווייב שיינדעלע, איצט אויסגעזאָגט — געזאָלט אַריינקומען געזעגענען זיך. דאָס האָט מאירן אַ ביסעל פערוואונדערט.

נור באַלד האָט זיך די טהיר האַסטיג געעפענט, און רחל'ע, קוים דעם אָטעם כאַפּענדיג, איז אַריין אין שטוב, די האָר האָבען זיך געוואָרפען פון הינטער דעם טיכעל אַרויס, און די האַנד האָט פעסט געהאַלטען אַ צוקנייטשט פּאַפּיר'ל, און מיט אַ טריאומפירענדער מינע האָט זי עס דעם פאָטער דערלאַנגט:

— ער האָט געמוזט געבען!

אַלע האָבען זיך מיט אַמאָל אַוועק געגעבען צו דעם צוקניטשטען פּאַפּירל. דער פּאַטער האָט עס צוגענומען מיט אַלאַבּענדיגער מינע, און האָט עפּיס נישט ווילענדיג געגלעט אויף דעם מיידעלס קעפּיל, און דאָס איז אַזוי אינסטינקטליך געווען פאַר דעם שטרענגען פּאַטער. דאָס מיידעל איז צו אַזעלכע צערטליכקייטען אַזוי נישט געוועהנט געווען, אַז זי האָט זיך פערשעמט און איז רויט געוואָרען. די מאַמע האָט זי באַלד גענומען צו זיך אין ווינקעל אַריין בייא דער קיך, און עפּיס מיט איהר אַ סוד געקרעכט. די מומע האָט זיך עפּיס, נישט ווייסענדיג פאַרוואָס, אָבגעשאָקעלט, — און דער פּאַטער האָט די טאָכטער אויסגעפרעגט: ווי איז עס צוגעגאַנגען?

— און די מומע, וואָס האָט געזאָגט? — דאַ? — האָט דער פּאַטער געפרעגט מיט אַ פרייד, וועלכע האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם, וואָס ער האָט יוסעלען אויף די הענד גענומען, און נים אויפגעהערט איהם אין געזעסעל צו קלאַפּען אין דעם יונג, זעהט זיך אויס, איז די לאַנגע געפעלען, וואָרים ער האָט די גאַנצע צייט געקוקט דעם פּאַטער אין די אויגען אַריין, — ער מיינט י'ה עס טאָקע מיט אַן אמת...

— די מומע האָב איך גאַרנישט געזאָגט. דעם פּאַטער האָב איך אָבגעוואַרט בייא דער טהיר, ווען ער איז מיט נאָך מענשען געשטאַנען, און האָב אָנגעהויבען אַזוי הויך צו ריידען, אַז אַלע זאָלען הערען, אַלע זאָלען הערען. אָ, איך בין נישט אַזאַ נאַר, אַז איך זאָל אַרויפגעהן צו דער מומע, — האָט דאָס קינד נאָך מיט קינדישער פרייד דערצעהלט.

אַלע האָבען זיך דעריבער געפרייעט, און די מוטער האָט איהר נאָר אַ בעזונדערע פרייד געמאַכט דערמיט, וואָס זי האָט צו איהר געזאָגט:

— רחל'ע, דערלאַנג צום טיש.

דער פּאַטער האָט אויך דעם אויגענבליק פערגעסען זיין היינטיגע רייזע, וואָס שטעהט איהם פאָר, און נור פרעהענדיג זיך איבער די פינף און צוואַנציג רובל, וואָס ער האָט געהאַלטען אין האַנד.

און איבער די חכמה פון זיין קינד, האט ער צו די יונגען געזאגט:

— וואשען — און איז זיך אליין געגאנגען וואשען צום עסען.

אלע זענען ארום טיש געזעסען. די מומע איז געווען די ערשטע, וואס האט דערמאהנט די רייזע.

ווארום די מומע האט שטענדיג די געוועהנהייט צו ריידען וועגען די שרעקליכסטע זאכען, און די ערשטע איז זי, וועלכע רעדט נור וועגען טויט, און דערצעהלט מעשות פון שדים. און די קינדער האבען שטענדיג פאר איהר מורא. מען זעהט זי תמיד אליין גערן אויפ'ן בית-עולם, — און איבערהויפט האט די מומע, וועלכע פלעגט תמיד זיין איינגעהילט אין א טוך און שטענדיג געהאט די רויטע פלעקען אויפ'ן פנים, דערמאהנט דעם טויט.

האט זי זיך איצט אויך אנגערופען:

— אוי, מאיר, און דו האסט גאר ניט קיין מורא פאר'ן וואסער? מען זאגט, אז מען ווערט קראנק אויפ'ן וואסער, נעהמען זיי און בינדען אן אין א ברעט און ווארפען אין וואסער אריין.

דאס דערצעהלט זי מיט א בעזונדער שמייכעלע, וואס ליעגט ווי א טויט אויף איהרע בלייכע, דינע ליפעלעך, און איהרע אויגען האבען דאן אנגענומען א גרינליכען קאליר און אויסגעזעהן ווי שפיציג. דערנאך האט זי זיך צוהוסט מיט א געלעכטעריל:

— חי-הי-הי.

א מינוט האט דער טיש שטיל געשוויגען, עס האט זיך נור געהערט דאס קלאפען פון דער „קאמאנדע" מיט די לעפעל אויף די טעלער.

אז זי האט זיך געהאט גוט אויסגעהוסט, האט זי ווייטער אנגעהויבען:

— ווער ווייסט, צי מיט מיין פנחס'ן האבען זיי אויך נישט אזוי געטהון — שוין דריי יאהר, אז דער יונג איז אוועק, און מען הערט נישט פון איהם, און מען זעהט נישט פון איהם.

— דאס איז שוין נישט ריכטיג, דעניכל דער שנייַדער האט דאך איהם אליין אין לאנדאן געזעהן, שפילט אין קארטען און איז א היטעל-מאכער, — האט זיך חנה-לאה אנגערופען.

די מומע האָט עפּיס מאָדנע געשמייכעלט פון הינטער איהר טוך אַרויס.

— ביי אַייך איז עס אַזאַ פּאַמיליען־פּעדלער, — צו פּערגעסען איינער אָן דעם צווייטען, איז ביי אַייך אַ זוהן אַוועק — וויל ער נישט דערען, וויל ער נישט געדענקען אָן אַייך — האָט איהר געהערט אַ ביסעל אַ זוהן? — האָט זיך די יודענע אַליין נישט געקאָנט בערוהיגען.

ווידער האָט זיך געהערט דאָס מאָדנע שמייכעלע מיט׳ן הוסט צוזאַמען אויסגעמישט — חי־חי־חי — פון דער מומע, וואָס האָט אויף די קינדער אַ שרעק אָנגעוואָרפען.

און פון דער העלער הויט, ביים ערשטען לעפעל, איז די יודענע, חנה־לאה, אַרויס מיט איהר געוויין:

— אוי, מאיר, אויף וועמען פערלאָזטו מיך? — וואָדען פאָרסטו? — האָט די יודענע הויך געחליפּעט און פערשטעלט זיך די אויגען מיט׳ן פאַרטוך.

רחל׳ע האָט אויך די לעפעל אַוועקגעלעגט און געהאָלפען דער מאַמע; דער פאָטער האָט טרויעריג ערגיץ־וואו געקוקט, זיך די האָר פון באָרד געביסען, נור די „קאָמאַנדע" אַליין האָט זיך נישט געלאָזט שטערען, אַזוי ווי זי וואָלט שוין געווען צוגע־וועהנט צו דער מוטער׳ס טרעהרען — זיי האָבען ווייטער געגעסען.

יוסעלע אַליין איז געזעסען און איינגעקוקט זיך דער מוהמע אין פּנים אַריין, — אויף איהם האָבען דער מוהמעס ווערטער, חוץ־ גען „אָנביינדען אין ברעט" — חאָטש ער האָט עס נישט אינגאַנצען פערשטאַנען, אַ גרויסען איינדרוק געמאַכט. ער האָט הערפיהלט, אַז די מוהמע האָט עפּיס הערצעהלט שרעקליכעס, און נישט דער מוטער׳ס טרעהרען איצט, נור דער מוהמעס לעכעל׳ן און די „רויטע בעקעלעך" האָבען איהם דערשראָקען, און ער האָט גע־ האַלטען נאָהנט צו וויינען.

די מוהמע איז איצט טרייסטען געגאַנגען.

— נו, נישט אַלע ווערען דאָך קראַנק, נישט אַלע בינדט מען דאָך אָן אין ברעט.

חנה־לאה האָט זיך אָבער שוין מעהר נישט געלאָזט טרייסטען.

אַלע צרות, וואָס האָבען זיך איהר געטראָפען אין איהר גאַנץ לעבּ-בען (און אַזעלכע זענען געווען נישט ווענינ), האָבען זיך איצט אַרויסגעגאָסען אין איהרע טרעהרען.

נור באַלד האָט זיך די טהיר אויפגעעפענט, און אַ שטילער, טרויעריגער „גוט נאָוועגד" האָט זיך דערהערט. אין שטוב האָט זיך אַריינגערוקט אַ הויכער, פינסטערער מאַנספערשוין פון אַ יאָהר עטליכע און פערציג, אָרים געקליידעט, און האָט זיך אָהן אַ וואָרט אין אַ ווינקעל שטוב אַוועקגעזעצט.

— לייבּוש, דו ביזט עס? —

— יאָ, איך — איך, — האָט זיך געהערט אין אַ בייזערדיגען טאָן.

דעם בייזערדיגען טאָן האָט דער ייד בענוצט נור ווען ער האָט גערעדט מיט זיין ווייב און קינדער, אין האַרצען איז ער געווען אַ גוטער מענש און האָט קיינעם נישט געקאָנט קיין שלעכט וואָרט זאָגען און קיין הויכע שטים אויפהויבען. דערפאַר טאַקע איז ער געווען אַ לא-יוצלח, און צו וואָס ער האָט זיך גענומען, איז איהם נישט געגאַנגען. ער האָט פלינק יענעם נאָכגעגעבען און זיך נישט געקאָנט קריגען און ניט דינגען. נור צו זיינע אייגענע האָט ער נישט געקאָנט אַנדערש ריידען ווי מיט אַ גע-בייזער. ער האָט קיינמאָל פאַר זיין ווייב און קינד קיין גוט וואָרט נישט געזאָגט, חאָטש ער האָט זיי טיעף, איניג געליעבט. איהם האָט זיך געדאַכט, אַז ווען ער רעדט צום ווייב אַנדערש ווי מיט געבייזער, האַנדעלט ער מעשה חונף, — און דאָס האָט ער נישט געוואָלט. דערפאַר איז אַזאַ וואונדער געווען פאַר אַלע ביים טיש, ווען זיי האָבען פלוצלונג דערהערט דעם פאָטערס קול, וואָס זיי האָבען אַזוי זעלטען ווען געהערט, ווי ער האָט אָנגעהויבען צו טרייסטען חנה-לאהן:

— וואָס האָט זי צו וויינען, זי האָט נישט וואָס צו וויינען, אַ וועלט מיט מענשען פאָהרען, און אַלע קומען בשלום אַהין, מיט השם יתברך'ס הילף וועט ער געזונטערהייד אָנקומען. אַ וועלט מיט מענשען פאָהרען, — זי האָט נישט וואָס צו וויינען.

די ווערטער האָבען אינגאַנצען ווייך געמאַכט מאירן און ער

האט אנגענומען דעם טאן, וועלכער איז ניט געלעגען אין זיין כאַראַקטער. ער האט אנגעהויבען צו ריהען מיט זיין שוואגער, ווי זיי וואלטען די בעסטע גוטע פריינד געוועזען — האלב א ביסעל אין שפאס, אויף די ווייבער:

— א יודענע, ווייסט די — ווייסט נישט, מעשה יודענע ווייסט די — און שטילער א ביסעל, צונויגענדיג זיך צום שוואגער — עס איז נישט קיין וואונדער, אין אזא ווייט מקום.

— אודאי אזוי, אודאי אזוי, — האט זיך לייבוש פרום געשאקעלט.

— ער וועט אפשר אונזער פנחס׳ן בעגעגענען, לייבוש? — האט זיך די מוהמע אנגערופען צום מאן.

— אונזער פנחס׳ן? — וועמען נאך, דעם ימח־שמו׳ניק — אודאי שוין א מיתה משונה אויגענומען — האט דער יוד באלד אנדערש גע־ענדערט דעם טאן, ווען ער האט אבגעענטפערט זיין ווייב.

מאיר האט זיך באלד גענומען צום בענטשען און האט זיך זעהר ערנסט און פרום געשאקעלט הערבײַ, און איינמאל מאל זעהר טיף מיט צער אבגעקרעכצט אין בענטשען, אויף וועלכען דעם שוואגער האט איהם צוגעהאלפען.

אז מאיר האט זיך אויפגעהויבען פון טיש, איז ער צוגע־גאנגען צו לייבוש׳ן, און האט געזאגט זעהר שטיל און ערנסט, ווי ער וואלט זיך געוועזען פערענטפערט:

— עס איז באו מים עד נפש. איך האב אנדערש נישט געקאנט. אפשר פערלאנגט דער רבונו של עולם, איך זאל האבען גלות — וועל איך האבען גלות, אבי מיין ווייב און קינדער א שטי־קעל ברויט, — ווײַזט ער אויפ׳ן ווייב און קינדער. — איך קאן נישט אנדערש, לייבוש, איך וועל ווערען א פראסטער יגיע כפים, — איך האב קיין אנדער עצה נישט. דא שעם איך זיך, איך וועל ארבאָנוארפען פון מיר די בושה...

— און מיט׳ן יודישקייט? — פרעגט דער שוואגער מיט א קרעכץ.

— אזוי ווייט ווי דער רבונו של עולם וועט מיר העלפען. מילא, אז מען וויל זיין א יוד, קאן מען אומעטום זיין א יוד, — דער, וואס וויל...

— אודאי, — ענטפערט לייביש אב.

— און וואס דער רבי האט געזאגט, ווייסטו דאך אודאי?

— יא, איך האב עס געהערט אין שטיבל, אודאי מיט'ן רבונו של עולמ'ס הילף.

— און וואס קאנען מיר מעהר טהון?

דערווייל, ווי מאיר און לייביש האבען געפיהרט דאס געשפרעך, האבען זיך די ווייבער, די צוויי שוועגערינס, וועלכע פלעגען א גאנץ יאהר אויך נישט זיין קיין גרויסע גוטע פריינד, אין א ווינקעל זיך פערקליבען און גערעדט צווישען זיך זעהר פערטרויליך. חנה-לאה האט איהר דערצעהלט וועגען דער מעשה מיט א גט אויף א תנאי, וועגען וועלכען מען האט עפיס גערעדט, או דער מאן זאל איהר געבען, און זי האט נישט געוואלט הערען און נישט געדענקען דערפון. שיינדעלע האט איהר רעכט געגעבען און דערצעהלט דערביי עפיס א שרעקליכע מעשה, און דערביי געגעבען אנצוהערען, אז מען דארף זעהר פארזיכטיג זיין, ווארים דארט, אין דער נייער וועלט, פערלויפען זיך מעשות מיט מענער, מיט פרעמדע ווייבער... און האט דערמיט חנה-לאה'ן דאס הארץ אנגעשראקען...

רחל'ע איז געזעסען ביי די ווייבער און אויסגעהארכט דאס געשפרעך און אנטייל גענומען דערין ווי א דערוואקסענע יונגע. די געלעגענהייט האט די „קאמאנדע“ בענוצט און האט אנגעהויבען צו געפינען אין די אויגען פון דער „גרינער מודמע“ — ווי זיי פלעגען די מודמע שיינדעלען רופען — „קליינע מענשעלעך“, וועלכע טיקען זיך אין ים. און בעריל, דער יונגערער פון דער „קאמאנדע“, וועלכער האט זיך געקענט אויף „די זאכען“, — האט דערצעהלט פון פערשיעדענע כשוף-מאכערס און מכשפות, וואס הענגען זיך אן אין די פרענדלען פון דער „גרינער מודמעס“ פאטשיילע און ווערען פערטרונקען אין איהרע אויגען. און בעריל האט געוויזען אויף די אויגען פון דער מודמע — וועלכע האבען איצט ביים שיין פון דעם נאכט-לעמפיל און ביים דערצעהלען דער מאמע די שרעקליכסטע זאכען פון ווייבער, וואס פערפיהרען פרעמדע מענער דארט אין אמעריקא — טאקע אנגענומען א גרינעם קאליר, און אסך מענשעלעך

דאַבען זיך אין זיי געשיקט — אַלע, וואָס זענען געווען אין שטוב..
דערפון האָט בעריל אויסגעדרונגען, אַז אַ שיף אויפ'ן ים גייהט אונ-
טער, און ער האָט דערצעהלט וועגען גרויסען ים, פון די שיפען, פון
די פיש און חיות, וואָס זענען אין ים, גלייך ווי ער וואָלט דאָס אַלץ
מיט די אויגען געזעהן. דערביי איז יוסעלע געזעסען און ער האָט
אויסגעשטעלט די גרויסע אויגען זיינע און געלוישט יעדעס וואָרט.
און אַלץ, וואָס בעריל האָט דערצעהלט, האָט ער מיט זיינע גרויסע
אויגען געזעהן און ער האָט אָנגעהויבען מורא צו קריגען פאַר דעם
ים, און פאַר די מיהמע, און פאַר אַלעם, ביז ער האָט אָנגעהויבען
צו וויינען. אויף דעם וויינען האָט אויך קיינער קיין אַכט נישט
געגעבען, און קיינער האָט זיך נישט געלאָזט שטערען אין גע-
שפרעך, ביז ער איז איינגעשלאָפען אויף דעם פאָטער'ס געפאַקטען
זאַק, וועלכער איז געלעגען אין אַ ווינקעל שטוב, מיט די שרעק-
ליכסטע חלומות — אודאי וועגען ים און וועגען די מענשעלעך, וואָס
טיקען זיך אין דער „גרינער מיהמעס" אויגען. אַ ביסעל שפּעטער
האָט אַזהם די „קאָמאַנדע", בעריל און חיים, אויך געפאַלט. און
זענען איינגעשלאָפען אויף דעם צווייטען זאַק, און האָבען די שטי-
וועל אויסגעשטרעקט אין די שטוב אַריין.

---

די נאַכט איז נאָך געלעגען טיעף און שוואַרץ איבער דער
ערד און האָט אויך אָנגעפילט מיט פינסטערניש מאיר'ס קליין שטי-
בעל, ווען דער ייד איז געשטאַנען פאַר'ן האַלצערנעם בעט פון
זיינע צוויי קדיש-זאָגער — בעריל און חיים — און האָט עפּיס אין
דער שטיל אַריינגעמורמעלט צו זיך אין די גרויסע באָרד אַריין.
זיין געזיכט האָט קיינער נישט געזעהן, דערפאַר לאָזט זיך נישט
זאָגען, אויב זיין געזיכט האָט אַנדערש אויסגעזעהן, ווען ער האָט
זיך געזעגענט מיט זיינע קינדער. די שטוב איז געווען בעלויכטען
מיט דער ליכטיגקייט פון אַ דין נאַפט-קנייטעל, און דער ייד האָט
געהאַלטען די אויגען פערמאַכט און זיין גאַנץ פּנים איז פער-
שטעלט געווען אין די האָאר פון באָרד, נור מיט זיינע הענד האָט
ער געטאַפּט די קעפ פון דער „קאָמאַנדע", וועלכע איז איצט

געלעגען און ביים שיין פון ליכטעל האבען זיי גאר נישט אויס-
געזעהן ווי „א קאמאנדע", נור ווי צוויי דינע צווייגלעך, אדער ווי
צוויי קעלבער, וואס בויגען-צו די קעפ איינס צום צווייטען, און
קאנען נעבעך „קיין צוויי נישט צעהלען". דער פאטער האט זיי
צוריק אנגעטהון די קאפעלען, וועלכע זענען געהאט אראבגעפאלען
פון זייערע קעפ, — און טאפענדיג מיט זיינע הענד זייערע קעפ,
האט ער עפיס געמורמעלט און די אויגען געהאלטען פערמאכט.
דערנאך איז ער צוגעגאנגען צו יוסעלען, וועלכער — מען דארף זאגען
צו זיין שאנד — איז נאך געשלאפען מיט דער מוטער. ער האט
איהם א קליינעם אויגענבליק אנגעקוקט, א קרעכץ געגעבען (ביי
יוסעלען א קרעכץ), זיך אראבגעבויגען, און א, גאט, יוסעלען א קוש
אין קעפעל געגעבען.

ער האט געמיינט, אז יוסעלע שלאפט, ערשט, אז חנה-
לאה, וואס איז דערביי געשטאנען, האט צוגעבויגען דאס ליכט,
געוואלט דעם מאן ווייזען יוסעלע'ס פנים'ל, — האבען זיי דערזעהן
יוסעלע'ס שווארצע אויגען, וועלכע זענען ברייט אפען געווען און
געקוקט מיט בעלעבונג אין די אפענע נאכט אריין. דער פאטער
האט זיך דאן צו איהם אנגערופען:

— דער טאטע פאהרט אוועק, יוסעלע, — פאהרט ווייט אוועק.

יוסעלע האט געשוויגען, נור די אויגען האבען אויסגעזאגט,
אז ער הערט אלץ צו אויפמערקזאם.

— און עס וועט נישט קיינער זיין, ווער עס זאל דיך פער-
הערען, — בעסער צו לערנען, יוסעלע, בעסער, און דאווען פרום,
אין שטיבעל, און לויף נישט ארום, און הארך די מאמע, יוסעלע, —
ווארום דער טאטע וועט נישט זיין, — האט מאיר געזאגט.

יוסעלע האט אלץ געשוויגען — נור ער האט מיט אמאל אלץ
פערשטאנען און גוט געוואוסט וועגען וואס עס האנדעלט זיך
און האט געפיהלט זיין גאנץ יודיש יתומקייט. און אז דער
פאטער האט זיך אראבגעבויגען צו איהם און האט איהם דאס
לעצטע מאל א קוש געגעבען, האט יוסעלע אפגעענטפערט:

— פֿאָהר געזונטערהייד, טאַטע, — און דאָס האָט געהייסען, אַז ער זאָגט זאַלין צו, אויף וואָס דער פֿאָטער האָט געזאָגט.

און דאָס איז עפּיס אַזוי אוננאַטירליך געוועזן פֿאַר דעם ייד, — אַז חנה־לאה האָט זיך דערביי הויך צעוויינט, און ער האָט זיך ווידער אַראָפּגעבויגען און ווידער אַקוש געגעבען, און דאָט עפּיס הויך געזאָגט, און ווידער די אויגען פֿערמאַכט, און מיט דער באָרד צוגעשאָקעלט. דערנאָך איז ער אַרויס, און באַגלייטונג פֿון זיין ווייב, מיט זיין עלטסטע מיידעל צו דער פֿוהר צו, מיט די צוויי אָנגעפּילטע זעק.

אַז די פֿוהר האָט געריהרט, האָט זיך חנה־לאה צעוויינט, און האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטען. זי האָט זיך דערמאָהנט אָן די מעשה, וואָס שיינדעלע האָט איהר דערצעהלט, — האָט זי הויך נאָכגעשריען:

— מאיר, פֿערגעס נישט, אַז דו לאָזט איבער אַ ווייב מיט קינדער!

אַז די יודענע האָט שוין געענדיגט דעם זאַץ, האָט זי זיך פֿערשעמט און געוואָלט צוריקכאַפּען. אָבער עס איז שוין געווען צו־שפּעט.

מאיר האָט זיך אויך פֿערשעמט.

---

אַז יוסעלע האָט געהאַט די אויגען געעפֿענט, האָט ער געטראָפֿען די „קאָמאַנדע" זיצענדיג אויף דר'ערד און האָבען אַלע שטוהלען פֿון שטיבעל געהאַט אומגעקעהרט, — און זיי האָבען איהם אָביציעל מיטגעטיילט:

— היינט געהען מיר נישט אין חדר אַריין, דער טאַטע איז נאָך אַמעריקאַ געפֿאָהרען.

יוסעלע האָט זיי גאָר נישט געענטפֿערט. ער האָט ביי זיך אין זיין הערצעל בעהאַלטען דעם פֿאָטער'ס ווערטער, און אַ געוויסער שטאָלץ האָט איהם אַרומגענומען אויף דעם, וואָס דער פֿאָטער האָט איהם געזאָגט, און האָט ביי זיך אָבגעמאַכט, צו־אַלעס צו פֿאָלגען, וואָס דער פֿאָטער האָט איהם געזאָגט.

## 2. מאיר אין אַמעריקא.

אַזוי ווי אַ איינזאַמער אין אַ מדבר, איז מאיר געזעסען אויף דעם דריטען שטאָק אין איינעם פֿון די טענעמענט-הייזער אויף דער עסעקס-סטריט, אין גרייט-ניו-יאָרק, וואָס איז ביים ברעג אויף יענער זייט אָקעאַנוס — צווישען אַ פֿינף-מיליאָנינער בעפֿעלקערונג און צווישען ניין הונדערט טויזענד זיינע אייגענע ברידער. צו קיין חברה, צו קיין סאָסייעטע, סיי געזעלשאַפֿטליכע, סיי רעליגיעזע, האָט ער נישט אָנגעהערט, און האָט זיך בכלל מיט קיינעם נישט געמישט. די לאַנדס-לייט פֿון דער דריטער סטריט, צו וועלכע ער האָט אַנאַדרעס געהאַט און וועלכע האָבען איהם פֿון שיף אַראָבגענומען, — האָבען איהם געשאַפֿט אַ יודיש „פּליים" — אַ שאָפּ, אין וועלכער מען אַרבייט נישט שבת. שוין העכער פֿון זיבען חדשים זיצט מאיר ביי אַ פֿענסטער, וואָס געהט אַרויס געגענאיבער אַ הויכער וואַנד, און נייהט אויף דער מאַשין קאַנטען פֿון העמדער. ווי אַזוי ער איז דאָרט אַהין געקומען — ווייסט ער נאָך ביז היינטיגען טאָג נישט, — כאָטש ער פֿאָהרט יעדען טאָג צו דער אַרבייט און יעדען טאָג פֿון דער אַרבייט. דער לאַנדס-מאַן, דער קרוב, דער מודמע׳ס מלכה׳לעס (דעם טאַטענס אַ שוועסטער) אַ זוהן, האָט איהם אַריינגעפֿיהרט אין אַ טיעפֿען קעלער, און ער איז מיט אַ באַהן אַהין געפֿאָהרען. פֿון דעמאָלט אָן פֿאָהרט ער יעדען טאָג צו דער אַרבייט און יעדען טאָג פֿון דער אַרבייט. ער האָט זיך גאָר נישט געוואונדערט איבער די באַהן, וואָס לויפֿט ווי אַ שרעקליכע חיה הינטער דר׳ערד; ער האָט איבער זיין וועג קיין אַמעריקא אַזוי פֿיעל זאַכען געזעהן, און דער קאָפּ איז איהם הערפֿון אַזוי צבע-רווישט געוועזען, אַז ער האָט זיך שוין אויף גאָר נישט געוואונדערט. ער האָט זיך אויך נישט געוואונדערט, ווען דער קרוב האָט איהם פֿאָרגעלייגט, אַז ער זאָל העמדער נייהען, און אַז מען האָט איהם ביי אַ מאַשין אַוועקגעזעצט. ער, מאיר ר׳ יאָסעלע סאָחאַטשאָווער׳ס, וואָס די שטאָדט האָט געקלונגען מיט זיין לערנען, אַ גערעכטער חסיד, און איז צפּים פֿון דער-היים אויס אַ סוחר געוועזען — זאָל ווערען אַ העמדער-נייהער, ווי סענדער׳ל דער ווייבער-שניידער

ביי זיי אין שטעדטיל. אבער דא איז אלץ מעגליך; דערפאר איז עס דאך אמעריקא; דא איז עס קיין חרפה נישט, און צו יהעם איז ער דאך אהער געקומען. און דער עיקר — פרנסה; הערמיט וועט ער דאך קאנען מפרנס זיין זיין ווייב און קינדער אין דער־היים, וועלכע ווארטען אויף א בריוועל מיט א רובל. איז ער באלד צוגעוועהנט געווארען — האט צוגעלעגט חעם קאפ און זיך געזאגט: דאס איז מיין פרנסה! איז ער טאקע געזעסען א גאנצען טאג, אלע אהן הויט, — ער אין קאפעל, — עס זענען דארט מיידלעך אויך געוועזען. ער האט זיי נישט געזעהן, און האט געארבייט מיט פלייס. מיט קיינעם קיין ווארט נישט אויסגערעדט, פאר זיך אליין — דאס ער געדענקט, האט ער איבערגעחזר'ט א משנה, א הלכה פון גמרא ארויס, אבער מעהרסטען איז זיין געדאנק געוועזען פערנומען מיט דער היים — וואס מאכען די קינדער? און יוסעלע? — יוסעלע — ער האט'ן געזעהן בעשיינפערליך, ווי ער זיצט אין חדר און לערנט די פרשה חומש און טייטשט־אויס דעם „ואני", און האט א גוט קעפעל, און פערנעהמט, און געהט צווישען מנחה און מעריב אין בית־המדרש אריין און דאוועגט פרום. א גוט ?נגעל, האט ער ביי זיך געטראכט, און דאס הארץ איז איהם ואויסגעגאנגען פאר בענקעניש נאך איהם.

און אז עס איז טאקע געקומען, און אז ער האט 'אהיים געשיקט חנה־לאה'ן די ערשטע צעהן רובל (דא איז עס נור פינף דאלאר), איז „מי ידמה ומי ישוה לו" — טאקע דאס הארץ איז איהם פול געווארען מיט פרייד, ער איז געוועזען מיט זיי אין דער־היים, ער האט געזעהן, ווי דער בריעף־טרעגער טראגט אריין דעם בריעף, און זיין שוואגער לייבוש לייענט איהם, — און חנה־לאה, — זי איז דאך א צדיקת, א צדיקת ממש. כילא, וואס די ידענע שטעדט אויס — צער גדול בנים, אלץ אויף איהר, אפילו שכר למוד פאר די קינדער. און היינט שטעדט יוסעלע ביי דער מאמע, און רייסט די ביים שירץ, — וויז מיר דעם טאטענס בריעף...

און אן יודישקייט האט ער זיך מיט'ן גאנצען הארץ גע־האלטען, אויף איין האהר נישט אבגעטרעטען פון זיין „הק" פון

דער-היים. ווען עס איז נאך טונקעל געווען, האט ער זיך אויפגעהויבען, כדי ער זאל נאך קאנען פארן דאווענען אבלערנען איין פרק משניות, ווי ער איז געוועהנט געווען פון קינדהייט אן. א משניות האט ער מיטגעבראכט מיט זיך פון דער-היים). צוערשט האט דער „בארדער" (דער שכן), דער יונגער-מאן, וואס איז געשלאפען מיט איהם אין איין שטוב, תרעומות געהאט — ער לאזט איהם נישט שלאפען. שפעטער האט ער זיך צוגעוועהנט צו איהם, האט זיך מאיר פערקליבען אין זיין ווינקעל שטוב, וואו זיין בעט און זיין קעסטעל זענען געשטאנען, און דארט איז זיין היים געווען. דארט, ביים טישעל, האט ער אין דער-פריה געלערנט, געדאווענט, איידער ער איז צו דער ארבייט געגאנגען. דארט, אין זיין ווינקעל, האט ער זיך פרייטאג-צו-נאכט'ס זיינע צוויי שבת-ליכט אנגעצונדען און ביי זיי שלום עליכם געזאגט. איהם האט נישט געארט, וואס ס'טהוט זיך ארום איהם — ער האט'ס נישט געזעהן. טייל מאל, ווי ער פלעגט פרייטאג-צו-נאכט'ס זיצען ביי זיין טישעל און מקבל שבת זיין, איז פונקט זיין שכן געזעסען און האט געטהון א וואכענדיגע ארבייט, אדער מיט זיינס א חבר אין קארטען געשפיעלט, — ער האט זיי קיין מוסר ניט געזאגט. ער האט געוואוסט, אז עס וועט נישט העלפען. ער איז זיך נישט געגאנגען זוכען קיין אנדער וואוינונג. ער האט געוואוסט, אז אנדערש-וואו וועט אויך אזוי זיין, נור ער האט נישט געקוקט און נישט געזעהן, וואס ס'טהוט זיך אין צווייטען ווינקעל — אין זיין ווינקעל איז שבת-קודש געווען.

אין קיין חברה האט ער נישט געדאווענט. דעם ערשטען פרייטאג-צו-נאכט'ס האבען איהם די לאנדס-לייט פון דער דריטער סטריט מיטגענומען אין „די קאנגרעגיישען אנשי לעשנע", אין די חברה פון זייער שטאדט. די חברה איז געווען אויף דערזעלבער גאס, וואו ער וואוינט, אויף דער עסעקס-סטריט. אז ער איז געגאנגען אין חברה אריין, פרייטאג פאר-נאכט, איז די גאס געווען פול געפאקט מיט מענשען. און, ווי עפעס להכעיס דעם שבת, איז דער גרעסטער מארק געווען פרייטאג-צו-נאכט'ס. מיט דער נאכט דא-

בען זיך געמעהרט די טישלעך אין מיטען דער גאס, און האבען פערשטעלט דעם גאנצען דורכגאנג פון דער גאס. און ביי יעדען טישעל זענען געשטאנען רעדלעך מענשען — דאס זענען געווען יודישע ארבייטער, וואס זענען פון די שאפס ארויס געגאנגען און האבען זיך איינגעהארכט צו די גוואלדיגע אויסרופען פון די סוחרים, וועלכע האבען מיט קולי קולות געריהמט זייער סחורה. יודישע יונגלעך, ער האט זיי דערקענט אן די פנימ'ער, האבען אין שבת אריין געשפיעלט אין באלען אין מיטען גאס, האבען פייער אונטערגעצונדען פון דעם ליעגענדען מיסט און פאפירען — און קיינער האט זיי נישט דערמאהנט, אז עס איז שבת; דער האנדעל פון דער-וואכען האט איהם נאכגעיאגט ביז צו דער טהיר פון דער חברה. און אפילו אויף די טרעפלעך, וואס פיהרען ארויף צו דער חברה, זענען געזעסען יודישע ווייבער און האבען געפיהרט א האנדעל מיט די, וואס געהען אין חברה אריין דאווענען. ער איז אנטלאפען פון דעם דער-וואכען, וואס איז אויף דער גאס, אין די חברה אריין, נור דער שבת אין דער חברה ,,אנשי לעשנע״ איז געוועזען אנדערימער, א שניידערישער און האט געמאכט אן איינדרוק, ווי ער וואלט פערטרונקען געוואהרען אין דעם גרויסען וואכענדיגען טאג, אין וועלכען ער איז געשטאנען. ער האט זיך ארומגעקוקט, און האט געזעהן אן אלמעמער, וועלכען א יוד האט ארויסגערוקט פון א ווינקעל אין מיטען שטוב אריין; א צווייטער יוד האט אנגעהויבען ליכטלעך אנצוצינדען, חאטש עס איז שוין געוועזען א שטיק אין שבת אריין. די ,,חברה״ האט זיך אנגעהויבען איינציגווייז צוזאמענצוקומען — דאס זענען ס'רוב געוועזען בעלי-מלאכות פון זיין שטעדטיל, וועלכע ער האט נאך געקענט פון דער-היים. טייל האט ער דערקענט פון גאנץ אלטע יאהרען, וועלכע ער האט געזעהן, ווען ער איז נאך א קינד געוועזען, און האבען געמאכט אויף איהם דעם איינדרוק, ווי זיי וואלטען איהם ערשינען אין א חלום. אנדערע האט ער גוט געקענט פון דער-היים, — דער גבאי איז געוועזען א טאנדעטנער שניידער, ,,קאזאק״ פלעגט מען איהם רופען, מיט א גאל בערדיל, וועלכען מען האט אמאל פאר

אַ גנבה פֿערשיקט קיין בריסק — און פֿון דעמאָלט אָן איז ער פֿערשוואונדען געוואָרען. — — — דאָ איז ער געווען דער גאַנצער בעל־הבית פֿון שוהל, און האָט איהם מיט אַ ברייטקייט שלום־עליכם אָבגעגעבען, און געקוקט אויף איהם איצט ווי מיט אַ רחמנות־פּנים. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, געזוכט אַ באַקאַנטען פֿון דער־היים, מיט וועלכען ער זאָל אַ וואָרט קאָנען רייד׳ן — ער האָט געזעהן אַרום זיך נור בעלי־מלאכות, נישט פֿון זיינע מענשען. מען האָט איהם „שלום־עליכם" געגעבען און איהם אויסגעפֿרעגט פֿון דער־היים. באַלד איז צוגעגאַנגען אַ ייד צום אַלמעמער און האָט זיך אָנגעהויבען שטעלט האַוונען. ער האָט איהם געקענט, עפּיס אַ געוועזענער שמיד אין זייער שטעדטיל...

מאיר האָט זיך דערמאָהנט דעם שבת אין דער־היים, אין דעם קליינעם שטעדטיל, ווי אַלע געוועלבער ווערען פֿערמאַכט; די גאַנצע שטאָדט איז פֿערשלאָסען, און דעם קבלת שבת פֿון ר׳ ליביל, בעני, דעם יבינ׳ס חזן, און אַ בענקשאַפֿט האָט איהם אַרומגענומען נאָך דער היים, — זיין ווייב, זיין הויזגעזינד, זיינע קינדער, שבת, זיין יוסעלע שטעהט איצט, אין זיידען קאַשקעטעל, וואָס ער האָט איהם געקויפֿט אויפֿ׳ן לעצטען שמחת־תורה (מאיר האָט יוסעלען אַליין געזעהן אין דעם קאַשקעטעל) און שאָקעלט זיך איבער׳ן סדור; אין דער־היים איז געגרייט צום טיש, די ליכטערלעך ברענען, און חנה־לאה — אַ אשת חיל — איז אָנגעטהון אין דער נייער הויב — אין ער איז אַזוי ווייט — אָבער קיין עגמת־נפֿש האָט ער זיך נישט צוגעלאָזט; עס איז שבת, און דאָך קבלת שבת בצבור, האָט ער מיטגעזונגען דעם „שניידערישען" לכה־דודי. נאָכ׳ן האַוונען האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקעל, און ווי ער איז געוועהנט געווען פֿון דער־היים, נישט גלייך נאָכ׳ן דאַוונען אַהיים צו געהן, נור צו לערנען פּרייטאָג־צו־נאַכט׳ס נאָכ׳ן דאַוונען. און צו וועמען זיך אַהיים אַיילען? און שבת׳דיג האָט ער זיך דאָך געפֿיהלט — האָטש אין די בגדים... נור אַזוי ווי ער זיצט און שאָקעלט זיך איבער׳ן סדור, זעהט ער, ווי מען הויבט ווידער אָב דעם אָרון־קודש מיט׳ן אַלמעמער אין אַ ווינקעל אַריין, און מען פֿערדעקט עס מיט אַ

לײַלעך. מען בעהאַלט עס, און עס הױבט זיך אָן צו ױזשען נאָך אַנאַנדער עולם — עפּיס כלי-זמרים, מיט בתולות און בחורים. מאיר הערט-אױף צו זאָגען, קוקט זיך אום פערװאונדערט, — װעס נעדמט צו איהם צו דערועלבער יוד, װאָס האָט די ליכטלעך אָנגעצונדען, אין דעם גאַליציאַנער קאָשקעטעל, און מיטן גאַליציאַנער לשון זאָגט ער איהם:

— ר' פּעטער, איהר װעט דאָס אָרט פערלאָזען, מען דאַרף די טישען צושטעלען. װאָרום דער טאַנץ-מײַסטער קומט באַלד צוגעהן.

— װאָס, — אין אַ מקום-קדוש, אין פרײַטאָג-צו-נאַכט'ס, שרײַט-אױף מאיר.

— די קאָנגרעגײשען אנשי לעשנע „מיטהען" אָב יעדען פרײַטאָג פון 6 ביז 8 דעם זינגער דאָס צימער. עס איז שױן נאָך אַכט, — פון אַכט קומט דער פּאַריזער טאַנץ-מײַסטער.

— דאָ? אין מקום קדוש? — װאונדערט זיך נאָך מאיר.

— איצט איז עס שױן נישט קײן מקום קדוש, איצט איז עס אַ טאַנץ-האָל...

מאיר האָט געחאַפּט דעם סדור און איז אַנטלאָפען. פון דעמאָלט אָן האָט ער נישט אין קײן חברה, עסט נישט קײן פלײש פון זײער שחיטה, — נאָר אַלײן פאַר זיך, בײַ זיך אין װינקעל, צװישען זײַן בעט און קעסטעל — איז מאיר מקבל שבת, זינגט מאיר אַלע זמירות פון רבי'ן — בענקט מאיר אױך נאָכ'ן ידישקײט, נאָך זײַן װײַב און קינדער, און דער עיקר, — נאָך זײַן יונגסטען, נאָך זײַן יוסעלען.

װאָרום יוסעלען האָט מאיר ליעב געהאַט איבער אַלע גרעניצען. און װאָסער אַ קאַלטער פאָטער דער יוד איז געװען אין דער-הײם, אַזאַ הײסער פאָטער איז ער געװען, װען ער האָט די קינדער נישט געזעהן. נאָך אין דער-הײם, אַז עפּיס אַ קינד איז געװען ניט אינגאַנצען, פלעגט ער אָפט זײַן דערבײַ גאַנצע נעכט; דאָס לעצטע פערזעצט אין פאַר אַ דאָקטאָר און אַפּטײק בעצאָהלט; אָבער דאָ, אין דער-פרעמד, אין אַזױ װײַט, און — דער עיקר —

נאך יוסעלען. עס פלעגט איהם טיילמאל אנגעהמען א פערלאנג צו דערצעהלען פון יוסעלען, אויסצורעהמען אלע זיינע מעלות, און זיין חכמה, און הכמות האט ער זיך איצט דערמאהנט פון איהם א מענגע, און ווען עס פלעגט איהם אנגעהמען אזא פערלאנג צו דער־צעהלען וועגען יוסעלען, איז ער געגאנגען אויף די דריטע סטריט, צו די לאנדס־לייט.

אויף דער דריטער סטריט ביי די „לאנדסלייט" זענען זיך צוזאמענגעקומען די „אנשי לעשנע". דארט האט געוואוינט די אלמנה פון ר' חיים כהן מיט איהרע זיבען זיהן און דריי טעכטער. ר' חיים כהן איז געוועזען איינער פון די שענסטע בעלי־בתים אין זייער שטעדטיל און האלב שטעדטיל איז זיין פאמיליע געוועזען. זעהר א גרויסע משפחה (דער פאטער און זיין פאטער'ס פאטער— אלע לעשניצער געוועזען— האבען, אהן עין־הרע, צו אזוי קינדער געהאט, איז יעדער צווייטער בעל־הבית אין שטעדטיל געוועזען א מחותן— א־גרא פעטער, אדער גלאט א שני בשלישי).

נאך ר' חיים'ס טויט האבען זיך די קינדער צו איינציגווייז אנגעהויבען אויסצוקלאזען אין די ווייטע מקומות. צוערשט איז א יונגערער זוהן אוועקגעפאהרען, א בעל־מלאכה געוועזען און ער האט דאס אנגעהויבען ארויסצושלעפען די גאנצע משפחה נאך זיך — ביז זיי האבען די אלמנה ארויסגענומען. פון היימאלט אן איז די וואוינונג אויף דער דריטער סטריט דער „אדרעס" פאר אלע, וואס פאהרען קיין אמעריקא פון לעשנע. מיט א האלב שטעדטיל משפחה — פאהרען זיי אלע ארויס צו דער מוהמע. דער „מוהמע'ס" אין שטוב טעלעגראפירט מען פון שיף, אז עס קומט ארויס א לעשנער. און פון דארט געהט ארויס א יונג אפ־געהמען פון שיף. דארט, ביי דער „מוהמע" האלט מען זיך אויף די ערשטע פאר טעג ביז מען טהוט אויס דעם „גרינעם" און מען קריגט ארבייט.

און דארט, אין שטיבעל ביי דער מוהמע, קומען זיך צו־זאמען אלע לאנדס־לייט יעדען שבת־אויף־דער־נאכט, און מען שמועסט פון דער־היים, פון שטעדטיל, און אז עס קומט א נייער

לעשנער, ברײנגט ער מיט גרוסען און בריװלעך פֿאַר די לעשנער,— קומט מען דאָרט צו דער מוהמע אָבנעהמען.

אַגריסע שטוב, אַלע פֿרײ־לײדיגע ברידער װאױנען בײ דער מאַמע, און די משפחה האַלט זיך אינאײנעם, און חנה, ר׳ חײם׳ס װײב, איז אַיודענע, װעלכע האָט געפֿיהלט, װאָס עס הײסט, אַז מען האַרף אָנקומען צו „קאָלאָמבוסען“ — זי אַלײן האָט עס מיטגעמאַכט, האָטש די יונגען האָבען געשטענה׳ט מיט איהר, אַז זײ רײסען נישט, װאָס זי האָט צוגעלײגט צו אַמעריקאַ: אין דער־הײם האָט זי אַרױסגעקוקט אױפ׳ן פּלימפּעל, און דאָ געהט זי אין טעאַטערס. די יודענע האָט אָבער געשטענה׳ט, אַז איהר איז פֿערמאָוס׳ט קאָלאָמבוס (די יודענע האָט גערופֿען אַמעריקאַ — קאָלאָמבוס) מיט זײנע טעאַטערס. און דערהױפּט האָט זיך בײ איהר קאָלאָמבוס אַשװאַרץ יאָהר אױסגערעכט. אַז אַ יונג האָט נישט געבראַכט אַהײם די „װעדזשעס“ (שכירות) אינגאַנצען, האָט זי קאָלאָמבוס׳ן פֿון קבר אַרױסגעשלעפּט; זי האָט שױן עטליכע מאָל געסטראַשעט, אַז זי װעט אַהײם פֿאָהרען, האָטש זי האָט שױן נישט געהאַט צו קײנעם צו פֿאָהרען קײן לעשנע — איהר גאַנצע משפּחה איז אין אַמעריקאַ געװעזען. די יונגען האָבען זי נישט אײנמאָל געטראָפֿען, אין אַמיטען דאָנערשטאָג, זיצען מיט פֿערלעגטע האַנד און מיט װײנענדיגע אױגען — זי װיל אַהײם פֿאָהרען. און עס איז שױן אײנמאָל געקומען אַזױ װײט, אַז מען האָט איהר געמוזט אַשיפֿס־קאַרטע קױפֿען און זי אַהײם שיקען. אַז זי איז צום שיף אַראָבגעקומען, און האָט זיך אומגעקוקט, און דערזעהן די קינדער מיט די אײניקלעך, װאָס זי לאָזט איבער אױפ׳ן ברעג, האָט זי זיך אָנגערופֿען: צו װעמען זאָל איך, מישטײנס געזאָגט, פֿאָהרען, אַז קאָלאָמבוס האָט בײ מיר אַלע קינדער צוגענומען — און האָט גענומען דעם פּעקעל און צוריקגעגאַנגען אױף די דריטע סטריט.

איז דאָרט געװען, בײ הנה דער אַלמנה אױף דער דריטער סטריט דער „זאַמעל־פּונקט“ פֿאַר די אַנשי לעשנע. די יונגע־לײט זענען דאָרט געקומען צו די בחורים, װאָרים די לעשנער יונגע־

לײט האָבּען אױך געהאַט אַ בעזונדער סאָסײטי, װעלכע מ'האָט-
גערופען „די „לעשנער יונג-מען סאָסײטי“. די בחורים זענען
געשטאַנען בּראש פון דער חברה, און געפירט דאָרט די הינ-
טער-קוליסען-פּאָליטיק יעדען שבת אױף-דער-נאַכט. די עלטערע
מענשען האָבען געהאַט די קאָנגרעגײשען פון די „אַנשי לעשנע“.
און די פּראָסטע װײבער זענען גלאַט געקומען צו תּחינה'ן — װאָרום
מען האָט געװאוסט, אַז מען װיל טרעפען אַ לאַנדס-מאַן און
אַז מען װיל רײדען פון דער-הײם — קען מען עס געפינען אױף
דער דריטער סטריט.

און הײנט אױך, שבת-אױף-דער-נאַכט, װען מאיר האָט גע-
האַט הבדלה אָבגעמאַכט אין זײן װינקעל צװישען דעם קאַסטען
און בעט, האָט ער זיך אָנגעטהון דעם ראָק און איז אַהין
געגאַנגען, — װוּ זײן געװאָהנהײט איז געװען — צו די לאַנדס-
לײט אױף דער דריטער סטריט. ער איז געװען זעהר ברױגז'.
װאָרום אַכט חדשים איז ער שױן פון דער-הײם, אָהן דעם װײב
און אָהן די קינדער. און איז דען פּאַר אַ יודען אַ תּכלית צו
זײן אַלײן? ער האָט זיך דערמאָהנט זײנע שבּתים, און דאָס
זײן פּסח אַלײן, און די קינדער אין דער-הײם אָהן אַ פאָטער —
װער קוקט זיך אום אױף זײ? פון דער ערשטער מינוט אָן,
װאָס ער איז אַהער געקומען, האָט ער אָנגעהױבען צו קלערען
װעגען אַ תּכלית. און האָטש ער האָט חנה-לאה'ן אַהײם געשיקט
געלד, אַז זי זאָל נישט לײדען קײן דחקות און ער האָט דאָ
אױך פּערלעבט — דאָך האָט ער שױן אָנגעהױבען אָבצושפּאָרען
יעדע װאָך פון פּערדיענסט אַ קלײניגקײט אױף אַ תּכלית. אָבער
װאָס װעט זײן בער סוף? ער װעט אַהײם פּאָהרען אָדער זײ
אַהער בּרײנגען. אָבער װאָס ער האָט געהאַט אָבגעשפּאָרט, איז
געװען זעהר װעניג — אי דערצו, אַז ער זאָל אַהײם פּאָהרען,
אי כּח זײ אַהער צו בּרײנגען, און דאָ רעדט מען אַלץ װע-
גען פּליעק, װען עס מאַכט זיך אַ שלעכטע צײט, אַנדערע גע-
הערען עפּיס צו אַזעלכע חברות, װאָס צאָהלען געלד אין אַ שלעכטער
צײט, — דער קרוב פון דער דריטער סטריט האָט אידם צוגערעדט.

ער זאָל אויך אַריינטרעטען אין עפּיס אַ חברה „אחדות“, וואו אַלע אַרבייטער האַלטען זיך צוזאַמען. נור איהם האָט בשעת מעשה פאַרדראָסען, וואָס דער קרוב האָט איהם גענומען בבחינת אַרבייטער. וואָס פאַר אַן אַרבייטער איז ער? ער איז אַ ייחוס'דיגער, אַ יודע ספר, נור נישט דערפון האָט ער איצט געקלערט געהענדיג אויף דער דריטער סטריט. אַהיים פאָהרען צוריק, — וואָס וועט זיין דער תכלית? דערזעלער אָרימאַן, וואָס פריהער. און מיט וואָס וועט ער זיך מפרנס זיין? וואָלט זי שוין דאָ געווען, ער פערדיענט דאָך, פונדרט צוויי הייזער (מאיר האָט זיך גערעכענט פאַר אַ הויז) און שפּאָרט נאָך אָב אַ ביסעל, וואָלט מען געלעבט. און רחל'ע, די עלטסטע טאָכטער, זאָגט מען, וואָלט דאָ אויך בנקל געקאָנט פערדיענען, און אַז מען קומט אַהער מיט קינדער, ווערען עלטערן דאָ גאָר גליקליך, והא ראיה ר' חיים'ס אלמנה פון דער דריטער סטריט. נור גלאַט, ווי נעהמט מען אַהער הנה־לאה'ן מיט די קינדער, און וואָס וועט זיין מכּח יודישקייט, מכּח לערנען? מילא, פאַר די „קאָמאַנדע“, וועלען זיי נישט זיין קיין גרויסע למדנים — זיי ווילען סיי־ווי־סיי נישט לערנען, אָבער יוסעלע — און קלערענדיג וועגען יוסעלען, האָט איהם אַ פּאָטשעליך רחמנות־געפיהל אַרומגענומען. ער האָט איהם שטענדיג געזעהן שבת נאָכמיטאָג: יוסעלע האָט אָנגעהויבען חומש צו לערנען און קען שוין די ערשטע פּרשה, נעהמט ער דעם חומש און מישט זי אויף, און וויל, אַז מען זאָל איהם ווער פערהערען, גייט ער צו צו דער מוטער, אַז זי זאָל איהם פערהערען די פּרשה חומש. און די מוטער קוקט אַריין און ווייסט נישט, וואָס יוסעלע זאָגט.

מיט אַזעלכע געדאַנקען איז מאיר אָנגעקומען צו די לאַנדס־לייט. ביי די לאַנדס־לייט אין הויז האָט ער שוין געטראָפען די קינדער־יעגלעך, אין וועלכע די ווייבער האָבען געבראַכט צופיהרען זייערע קינדער. די שטוב איז געווען פול מיט מענער, ווייבער, קינדער און זויג־קינדער, — אַלע זיינען געווען אויסגעזעצט אויף די בעטען, אויף די ביינקלעך, און אפילו אויף

דער ערד. די ווייבער האבען די וויינענדיגע קינדער ביי זיך גע־האלטען, און די עלטערע קינדער האבען זיך אין מיטען שטוב געשפּיעלט. די שטוב איז פול געווען מיט רויך פון פּאפּיראסען. אויבען־אן ביים טיש איז געזעסען יואל וואטענמאכער פון דער־היים, ארום איהם — די אנשי לעשנע, און ער האט דערציילט וועגען לעשנע.

יואל וואטענמאכער איז ערשט גערואט אנגעקומען פון לעשנע, און באלד האבען זיך די לעשנער דערוואוסט, אז עס איז אנגעקומען א נייער לעשנער, און זענען זיך צוזאמענגע־קומען צו דער אלמנה חיה, אויספרעגען ביי יואל'ן אויף די זייעריגע.

— איז וואס מאכט דארט די אלטע חיה־רייצע, לעבט זי נאך? — האט איינער געפרעגט פון עולם ארום אויף אן אלטע יודענע פון שטאדט, וואס אלע האבען זי געקענט.

— ניין, לעצטען חל־המועד פסח, — געגאנגען אראב אין קעלער אריין, זיך אויסגעגליטשט און געשטארבען.

— געשטארבען! — שאקלען אלע מיט די קעפ, — אן אלטע יודענע געווען.

און באלד דערמאהנט מען זיך די מעשיות פון חיה־רייצען. —

— געדענקסט, חנוכה אויף־דער־נאכט, ווי זי האט ביי אונז דאס שמאלץ געפרעגעלט אויף פסח און האט אונז דער־צעהלט די מעשיות, — רופט זיך אן איין ברודער פון חיים'ס יתומים צום צווייטען.

— א גאנצע קוכערין געווען — איהרע מאכלים!

— ווייסט, זי האט דאך ביי מיר אויף חתונה דאס געבעק געבאקען, איהרע פארעמליך, איהרע האמבורגער קיכעלעך — אך דאס געווען א געבעק, — רופט זיך אן א יודענע, וואס איז ערגיץ־וואו ווייט הינטען געזעסען.

— און וואס מאכט דארט מיין מומע? — פרעגט א יונג פון מיטען ארויס.

— ווער איז דאס דיין מומע — קוקט זיך חיה אום, און

זוכט צווישען דעם עולם דעם פריגער, אז זי בעמערקט אַ קליין יודעל — אַ בײַלע גנענדעל! —

מאיר האָט אויך געוואָלט פרעגען אויף זיינע, נור דער עולם האָט אזוי געהאַט אַרומגערינגעלט דעם וואָסענמאַכער, אז ער האָט נישט געקאָנט צוקומען צו איהם. יעדער איינער האָט אויסגעפרעגט נישט נור אויף די זייניגע, נור אויך אויף בעקאַנטע, און עס האָבען זיך געפונען אזעלכע, וועלכע זענען נייגעריג געווען צו וויסען, וואָס עס איז געוואָרען דער סוף פון געוויסע גאַסען, הייזער, בהמות און חיות פון לעשנע. איינער, אַן עלטערער מענש, מיט אַ דיק בייכעל און אַ סך געלד אויף זיך, אויך אַ לעשנער, און וואָס מאיר האָט איהם געדענקט ווי פון חלום אַרויס — דער עולם האָט איהם גערופען דער „אַל־רייטניק" — האָט עפּיס גערעדט וועגען יאָהרצייט און וויל צום יאָהרצייט אַהיים פאָהרען. דערנאָך האָט ער דערצעהלט וועגען זיינע געוועזענע כלות, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין דער־היים, האָט אויסגעפרעגט אויף אַלע זיינע כלות, וועלכע ער האָט געמיינט, אז זיי זענען נאָך אַלע יונגע מיידלעך. פאַר איהם, דעם „אַל־רייטניק", האָט דער וואָסענמאַכער געזעהן, האָבען אַלע דרך־ארץ, דערפאַר האָט ער איהם אַלערערשטענס אָבגעענטפערט. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזען, אז די אַלע כלות, וואָס דער „אַל־רייטניק" האָט איבערגעלאָזט אין דער־היים, זענען שוין אַלע אַלטע ווייבער געוואָרען, און האָבען שוין אַלע אויסגעגעבענע קינדער, און ער האָט זיך אזוי געוואונדערט דעריבער, גלייך ווי עס וואָלט געשעהן אַ אונגאַטירליכע זאַך. דערנאָך האָט דער „אַל־רייטניק" דערצעהלט, אז אַלע זיינע געוועזענע כלות שיקען צו איהם די דערוואַקסענע זיהן, און פאַר יעדען קויש, וואָס ער האָט די מיטערס געגעבען אין דער יוגענד, בעצאָהלט ער איצט די זיהן צו צעהן דאָלאַר. דער עולם האָט זיך צולאַכט און מאיר האָט זיך פערשעמט און זיך פערהוקט אין אַ ווינקעל. דער עולם איז אָבער אַריינגעקומען אין אַ הייטערער שטימונג פון דעם „אַל־רייטניק'ס" מעשיות מיט די כלות, און דער „אַל־רייטניק" האָט אַראָבגעשיקט נאָך ביער פאַר'ן גאַנצען עולם. דעמאָלט האָט מען זיך אָנגעהויבען צו דערמאָהנען אָן אַלע זאַכען,

וואָס איז אין שטעדטיל פערלאָפען אין די קינדער-יאָהרען, וואָס האָבען אָנגעריסען נעמען פון מענשען, וועלכע זענען שוין לאַנג אויף דעם גוטען אָרט געווען, און נעמען פון הייזער און גאַסען — וואָס עס איז שוין פון זיי קיין זכר נישט געבליבען. הערמאָלט האָט זיך אויפגעהויבען משה'לע דער קאָזאַק, — ער איז נאָך אין דער-היים געווען בעוואוסט פאַר אַ גרויסען לץ און קונצען-מאַכער, וואָס האָט אין דער-היים עפּיס טעאַטער געזאָלט האָבען געשפּיעלט און דאָ איז ער אַ פריזירער — און אויך אַ מאַכער אין די טעאַטערס, — און האָט אָנגעהויבען נאָכצומאַכען, ווי שלמה פּיקניק דאַווענט אין דער חברה פאַר'ן עמוד מיט זיין קוויטשענדיג קולכעל, און ווי חיה-ריצע טאַנצט אויף אַ חתונה פאַר די כלה צום שלאָפען פיהרען, און ווי גענענדעל-ברייניג פאַלט שבת נאָכ'ן קוגעל אויף די „חאַלערע" און איטשעלע דער פעלדשער קומט צולויפען מיט'ן „שמעק-פלעשע-לע" — דאָס זענען אַלץ געווען נעמען פון מענשען, וועלכע האָבען שוין לאַנג גערוהט אין דר'ערד ערגיץ-וואו אויף אַ בערגעל, אויף יענער זייט ים, און וואָס קיינער פון די לעבעדיגע האָט שוין ניט געוואוסט און ניט געהערט פון זיי, — אויסער דעם ביסעל „אנשי לעשנע", וועלכע זענען פערבלאָנדזשעט געוואָרען אויף יענער זייט ים און האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען אין דעם קליינעם שטיבעל און דערמאָהנען זיך פון לעשנע.

ווען משה'לע קאָזאַק האָט אונטערהאַלטען דעם עולם מיט די לעשנער זעלטענהייטען, האָט זיך מאיר אין דער-שטיבל צוגערוקט צו יואל וואַטענמאַכער און האָט געפרעגט אויף זיינע.

יואל האָט זיך אומגעקעהרט און האָט דערזעהן מאיר'ן.

— אַ, איהר זענט עס, — שלום עליכם! אייער קליינער יונג, — ווי רופט מען איהם, יאָסעלע, — האַבט זיך, — ער שמיט דאָך אין דער גאַנצער שטאָדט — איז מיר נאָכגעלאָפען נאָך דער פיהר און האָט מיך געבעטען, אַז איך זאָל אייך איבערגעבען אַ גרוס — אַז ער לערנט זיך און וואַרט, ביז איהר וועט איהם פער-הערען. שאַ, — ער האָט מיר עפּיס מיטגעגעבען אַ בריוועל — יואל האָט געזוכט אין די קעשענעס — יאָ, ער האָט מיך געהייסען

איך זאָגען, אַז דער רבי לערנט איהם שרייבען, און ער שיקט איך אַ בלאַט, וואָס ער אַליין האָט אויפגעשריבען — יואל האָט עפּיס געפינען אין אַרויסגעצויגען פון קעשענע אַ צוקנייטשט שטיק פּאַפּיר — דער קליינער יונג האָט מיך אַזוי געבעטען, איך האָב עס איהם נישט געקאָנט אָבזאָגען.

מאיר האָט זיך פערקליבען אין אַ ווינקעל און אויפגעפּענט דאָס צוקנייטשטע פּאַפּיר, — עס איז געווען אַ בלאַט פון אַ שרייב־בוך, אויף וועלכען עס איז אין שורות, איין שורה נאָך דער אַנדערער, געווען אויפגעשריבען אין זילבען מיט אַ קינדישען כתב:

איך וויל דעם טאַ–טע–שי זע–הען,
איך וויל דעם טאַ–טע–שי זע–הען,
אַזוי איין שורה נאָך דער צווייטער.

מאיר האָט לאַנג בעטראַכט זיין זוהנ׳ס האַנדשריפט און זיך בעמיהט איין שורה נאָך דער צווייטער דורכצולייענען. אַ מינוט האָט ער עפּיס געקלערט, צולעגט דאָס שטיקעל פּאַפּיר אין האַנד און מיט איבערלעגטע טריט און געדאַנקען איז ער צוגעגאַנגען צו חיה׳ס עלטערן זוהן, משה־דוד, וועלכער איז שוין געווען אַ גאַנצער אַמעריקאַנער און גערעדט ענגליש און האָט שטענדיג געלערנט די נייע אָנגעקומענע, ווי זיי זאָלען זיך האַלטען — און האָט איהם געפרעגט, מיט פאָרזיכט:

— מען זאָגט, אַז מען קריגט שיפס־קאַרטען הי, אויף אויס־צאָהלונג — איז וואָהר?

— וואָס, איהר ווילט אייערע אַראָבברינגען? — האָט איהם דער קרוב געפרעגט.

— איך ווייס, — איז ער זיך מישב, — און וואָס זאָגט איהר?

## דריטעס קאפּיטעל.

# דער בריעף.

הנה־לאה האט זיך אויסגעוויקעלט אין דעם נייעם שבת־דיגען טיכעל, גענומען יוסעלען ביי דער האנד און צוגעפירט איהם צו דער חברה וואו דער זון האט געלערנט שבת נאך־מיטאג מיט די „חברי אנשי־אמת“. זי האט איינגעשיקט יוסעלען מיטן חומש צום זון און געבעטען, אז מען זאל איהר לעבעדיגען יתום פער־היטען. זי האט איהם נישט געוואלט פירען צום שוואגער לייבוש און נישט צו קיין אנדער משפחה — ווייל זי האט נישט געוואלט, אז „די שונאים זאלען דערפרעהט ווערען איבער איהרע צרות“. ווארום חאטש לייבוש מיטן ווייב זענען געווען ביי מאירן ביים געזעגענען — האט זיי חנה־לאה דאך געהאלטען פאר שונאים. און דאס וואס יוסעלע האט נישט דעם פאטער און אנדערע מוזען איהם פערהיטען, האט זי געהאלטען פאר א צרה, מיט וועלכער די „שונאים וועלען דערפרעהט ווערען“.

מיט דער „קאמאנדע“, מיט איהרע צוויי הערוואקסענע זיהן, האט זי זיך נישט געקאנט קיין עצה געבען. זיי זענען גע־גאנגען אין חדר אריין ווען זיי האבען געוואלט, חאטש דאס גאנצע געסעל יודען האבען זיך געפיהלט פערפליכטעט אכטונג צו געבען אויף די „לעבעדיגע יתומים“. און ווען א יוד האט געוואגט א זונג פון דער „קאמאנדע“ אין גאס אדמלויפען, האט ער אראב־געהאפט דעם פאסיק און געשריען: „אין חדר אריין, דו יונגאטש־איינער!“ דאך האבען זיך די יונגען געפיהלט פרייע און זענען גאנצע טעג איף די פעלדער ארומגעלאפען און „פאלענט גע־שפיעלט“. דאס גאנצע שטעדטיל האט זיי געהאלטען פאר פער־פאלען און בעדויערט חנה־לאה׳ן.

— „וואס פון קינדער ווערט, אז א טאטע איז נישטא“.

אין צווישען חנה־לאה׳ן מיט דער „קאמאנדע“ איז א שטענ־דיגע מלחמה געווען. חנה־לאה האט איינגעשלאסען דאס ברויט מיט די שטיוועל אין קאסטען, און די יונגען האבען עס ארוים־

געקראָגען. חנה-לאה האָט זי אויך געהאַלטען פאַר פערפאַלען. דאָך, אַז די „קאָמאַנדע" איז אַהיים געקומען און האָבען דער־צעהלט, אַז מען האָט זי אין שטיבעל (וואו זי האָבען געוואוינט) פון דעם פאַטער'ס אָרט אַראָפּגעיאָגט, איז חנה-לאה אַהינטער און האָט שבת געמאַכט אַ „געוואַלד", — אירע לעבעדיגע יתומים פערטרייבט מען פון שוהל, און גאָט וועט זיך פאַר איהר אָנ־געהמען.

נור מיט יוסעל'ן איז אַנדערש געווען. אויף יוסעל'ן אַכטונג צו געבען האָט זי זיך געפיהלט פערפפליכטעט פאַר מאיר'ן; דאָס קינד האָט בעגעהרט, — און מען מוז דאָך דאָס אויסלערנען אַ ייד צו זיין. און חאָטש דער שכן ר' משה האָט איהם יעדען שבת פערהערט די פרשה-חומש (יוסעלע האָט שוין אָנגעהויבען חומש), דאָך האָט איהם חנה-לאה געפיהרט יעדען שבת נאָך־מיטאָג אין חברה אַריין, צום דין פערהערען. זי האָט געוואָלט ווייזען דעם גאָסעל, אַז זי ווייסט ווי אַ מאַמע צו זיין — און מאיר קען זיך אויף איהר פערלאָזען.

וואָרום יוסעלע איז גאָר געווען אַנאַנדער קינד, ניט ווי זיינע ברידער. זינט דער פאַטער איז אַוועקגעפאָהרען, איז יוסעלע אַ דערוואַקסענער ייד געוואָרען. דעם ביי־נאַכט, ווען דער פאַטער איז צו איהם צוגעקומען צום בעט און האָט זיך מיט איהם געזעגענט — איז ער „רייף" געוואָרען. ער האָט אָנגעהויבען צו פערשטעהן, אַז עס איז עפּיס געשעהן אַ וויכטיגע זאַך אין זייער משפחה, און אַז דער פאַטער איז אַזוי לאַנג נישט צוריקגעקומען, האָט ער נישט געפרעגט, ווען דער פאַטער וועט צוריקקומען, נור ער האָט פערשטאַנען, אַז דער פאַטער איז ווייט פון זיין משפחה — ווייל ער מוז, און ער מוז אָנהויבען אַליין איבער זיך צו קלע־רען. און גלייך ווי דער „תכלית" וואָלט שוין געווען געפּיקט אין דעם. קעפּעל פון דעם קליינעם ייד — האָט ער זיך אַ נעהם געטהון צו זיך אַליין. ער האָט געפיהלט, אַז דער פאַטער איז נישטאָ, און די מוטער קען נישט פאַרטיג ווערען מיט איהם, האָט ער אַליין פאַר זיך געזאָרגט. קיינמאָל האָט מען איהם נישט

געדארפט הייסען געהן אין חדר אריין; ער האט זיך אליין אין דער=פריה אויפגעהויבען מיט א געוויסען קינדישען אימפעט. און זיך מיט אנ'ערנסט אין חדר געלאזט. קיינמאל האט מען איהם נישט געזעהן זיך שפיעלען; קיין חברים האט ער נישט געהאט, ער איז זיך נור געגאנגען זיין „אקסען=שריט". אין חדר איז ער שטענדיג געזעסען שטיל, מיט א געוויסער ערנסטקייט און האט זיך גוט צוגעהערט דערצו, וואס דער רבי האט געזאגט. און אז ער איז אהיים געגאנגען, איז ער נישט געלאפען איבער דער גאס, האט זיך נישט געשפיעלט ווי אנדערע קינדער. געקומען אהיים, האט ער זיך אוועקגעזעצט ווי א דערוואקסענער ביי דערוואקסענע מענשען און האט זיך איינגעהערט, וואס מען רעדט. דערמיט איז ער זעהר געפעלען אלעמען און אלע האבען איהם געריהמט.

פרייטאג פאר נאכט האט ער גענומען דעם טאטען'ס סדור, און איז געגאנגען אין שטיבעל אריין, וואו דער טאטע האט געדאווענט, און פעסט זיך געשאקעלט און הויך געדאווענט. כדי אלע זאלען הערען זיין עברי. יעדער האט איהם דערפאר א קניפ אין בעקעל געגעבען, און יוסעלע האט זיך געפיהלט געשמייכעלט. ער האט עס נישט ארויסגעוויזען, נור, ווי א דערוואקסענער מענש, פערשוויגען. מיט די ברידער האט ער זיך נישט געחבר'ט; און אז ער האט געהערט, ווי די מוטער ערגערט זיך איבער זיי, וואס זיי לויפען ארום, — האט ער זיך אויך אוועקגעזעצט אין א ווינקעל א פערקלערטער, ווי ער וואלט געזארגט אויף חגם, וואס פון די ברידער וועט ווערען.

ער האט דאס אויך יעדען שבת נאך=מיטאג די מוטער דערמאהנט, אז זי זאל איהם פיהרען אין די חברה צום דין פערהערען. און איצט, אזוי ווי ער שטעהט פאר'ן דין און פאר די גאנצע חברה יודען, זאגט ער הויך די פרשה חומש מיט רש"י, וואס ער האט די וואך געלערנט, מיט א זעלבסט=געפיהל פון א דערוואקסענעם, ווי ער וואלט די יודען געוואלט זאגען: „דער טאטע איז נישטא — מיז איך פאר מיר אליין זארגען". און

זײַן מאַמע חנה=לאה שטעהט איצט פֿאַר דער טהיר פֿון דער חבֿרה
(די וועט דאָך נישט אַרײַנגעהן, עס זענען דאָך יוהען דערינען)
און הערט זיך צו צו זײַן קול, און זאָגט צו די פֿאַרבײַגעהענדע
ווײַבער מיט אַ קרעכץ: „עס איז דאָך מײַן יוסעלע — דער פֿאָטער
איז דאָך נישטאָ, מוז איך איהם פֿירען אין די חבֿרה אַרײַן,
אַז דער דין זאָל איהם פֿערהערען“.

און אַז יוסעלע האָט אָבגעזאָגט די פּרשה חומש, קנײַפּט
איהם דער דין אין בעקעלע אַרײַן. נור יוסעלע נעהמט דעם חומש
אונטערן אָרים און זאָגט אַ געלאַסענעם „גוט=שבת“ און געהט אַרויס
געלאַסען, ווי אַ דערוואַקסענער, און די מוטער געהט מיט איהם
איבער'ן געסעל אַהיים. עס איז שוין שבת=פֿאַר=נאַכט, און די
ווײַבער זיצען פֿאַר די טהירען פֿון די הײַזער,— און פֿאַר יעדער
קופּקע ווײַבער שטעלט זיך חנה=לאה אָב:

— גוט שבת.

— גוט שבת, גוט יאָהר.

— פֿון וואַנען געהט איהר, חנה=לאה?

— איך געה דאָס מיט מײַן לעבעדיגען יתום פֿון דער חבֿרה,
אַז דער דין זאָל איהם פֿערהערען — זײַן פֿאָטער איז דאָך
נישטאָ,— דערצעהלט חנה=לאה דעם פּזמון פֿאַר יעדער קופּקע
ווײַבער.

און יוסעלע מאַכט דערבײַ אַ ערנסטע מינע, ווי ער וואָלט מיט
זײַן קעפּעל צוגעשאָקעלט, און געהט מיט דער מוטער ווײַטער.
די ווײַבער קוקען זיי נאָך און מאַטלען עפּים דאָרט צווישען
זיך.

אָנגעקומען פֿאַר דער טהיר פֿון זייער הײַזעל, זעצט זיך
די מוטער מיט'ן זוהן אַוועק. עס איז אַ זומערדיגער שבת=פֿאַר=
נאַכט, אַלע זיצען פֿאַר די טהירען אין געסעל, די מענער געהען
אַהיים פֿון שוהלכעל, פֿון מנחה=דאַווענען; די יונגען לויפֿען אין
גאַס און יאָגען איינער דעם צווייטען, דערונטער מיז די
„קאָמאַנדע“ אויך זײַן; די מיידלעך, אין די שבת'דיגע נײַע קליידלעך,
שפּאַצירען איבער'ן געסעל און שאָקלען אין יאָהען פּענסטער

אַריין „גוט-שבת". און די זון גיעהט אונטער, אונטער די לייטערס פון דער ווינדט-מיהל.

יוסעלע מיט דער מאמע זיצען פאר דער טהיר; רחל'ע שפאצירט מיט די חברטעס אין געסעל און די מוטער פיהרט אַ ערנסט געשפרעך מיט יוסעל'ן, ווי מיט אַ דערוואַקסענעם.

— שוין לאנג נישט געווען קיין בריעף פון טאַטען, — זאָגט די מוטער.

— האָט זיך אַודאי פערשפעטיגט, — ענטפערט יוסעלע און גיט דערביי צו פערשטעהן מיט זיינע קינדערשע קליינע הענדטלעך — אַ בריעף געהט דאָך אַזוי לאַנג פון אַמעריקאַ, — און קוקענדיג אויף די אונטערגעהענדע זון, האָט ער זיך דאָך נישט געקאָנט איינהאַלטען און פרעגט די מוטער:

— ווייסט, מאַמע, איצט הויבט זיך דער טאַטע אויף.

— פון וואַנען ווייסטו דאָס?

— די זוהן געהט דאָך איצט אויף אין אַמעריקאַ. אַז ביי אונז ווערט נאַכט, הויבט דאָרט אָן טאָג צו ווערען — דערצעהלט יוסעלע דער מאַמען און גיט איהר צו פערשטעהן מיט זיינע הענדטלעך.

אויף דעם האָט חנה-לאה געגעבען אַ קרעכץ:

— אוי, געלאָזט מיך דאָ — מיין מאַן געלאָזט מיך דאָ, — שאָקעלט די יודענע מיט'ן קאָפּ.

— וואָס מיינסטו, עס איז איהם גוט? — פרובט יוסעלע צו פערענטפערן דעם פאָטער, — אוי, וויל ער אונז אַודאי זעהן, — ווי מיר איהם.

אַז עס איז נאַכט געוואָרען, באַלד נאָך הבדלה, האָט זיך פון דער העלער הויט געוויזען די מוהמע שיינהעלע, עס האָט קיינער נישט בעמערקט, ווי די האָט זיך אַריינגעשלייכט, מיט איהר „גוט-וואָך". די „רויטע בעקעלעך" האָבען אַרויסגעשיינט פון הינטער דעם טוך, וואָס זי האָט געטראָגען איבער'ן קאָפּ, און דאָס קיכערן — חי-חי-חי — האָט זיך מיט'ן הוסט געלאָזט הערען צוזאַמען.

יעדעס מאָל, ווען די מוהמע שיינהעלע האָט זיך פון חצר

העלער הויט געווירען, האט עס חנה-לאה'ן א שטאך אין הארץ געגעבען. זי האט געוואוסט, אז די מומע שיינדעלע ווייזט זיך נישט בחנם — מן הסתם, מוז עפּיס נייעס זיין — אזוי פשוט קומט די מומע נישט. נור איהר לאכען מיט'ן הוסט האבען איהר אנגעזאגט, אז דא מוז עפּיס עקסטרעס זיין.

די מומע שיינדעלע האט זיך ווי איהר געוועהנהייט אוועקגעזעצט אין א ווינקעלע און האט געפרעגט:

— לייביש איז נאך נישט געווען?

האט חנה-לאה געוואוסט, אז עס איז עפּיס געשעהן, — אדער א צרה, אדער א פריידע, — ווארום די מומע ווייזט זיך פלוצלונג ביי ביידע, און חנה-לאה האט זיך אוועקגעזעצט מיט א קלאפּענדיג הארץ פון שרעק, ווארטען אויף לייביש'ן.

זי האט נישט געוואלט די שוועגערין דאס פערגעניגען אנטהון, די פרעגען, וואס איז געשעהן, איז זי געזעסען שטיל, האט זיך יעדע מינוט אויפגעחאפּט, געשריען אויף די יונגען, אויף רחל'ען — אלץ איז איהר פון די הענד געפאלען, דאס גלעזעל פון לאמפּ האט געפּלאצט — דאס גלאז, אין וועלכען זי האט געוואלט דער מומען טהיי אנגיסען, איז איהר פון האנד געפאלען, און די מומע איז געזעסען אין איהר טונקעל ווינקעל — און האט געקיקערט חי—חי—חי, אבהוסטענדיג.

נור באלד איז לייביש אנגעקומען (עפּיס איבער א אומבעקאנטע זאך זענען זיי קיינמאל נישט צוזאמען אנגעקומען, נור שטענדיג די מומע צוערשט, דערנאך דער פאטער). צוערשט האט ער זיך אוועקגעזעצט און געשוויגען א פאר מינוט, און נור זעהר ערנסט זיך די בארד אויסגעצויגען. חנה-לאה איז געזעסען ווי אויף הייסע קוילען, האט אבער גאר נישט געפרעגט. רחל'ע ביי איהר. יוסעלע האט זיך שטיל אוועקגעזעצט אין א ווינקעל, זעהר ערנסט און קינדיש; אפילו די „קאמאנדע" האט זיך עפּיס רוהיג פערהאלטען, געשטאנען ביי דער וואנד און געקוקט מיט נייגיריגקייט דא אויפ'ן פאטער און דא אויף דער מומע, — נור די מומע שיינדעלע אליין האט הויך אבגעהוסט און אין איהר הוסט האט זיך שטענדיג

חידערהאלט דאס לאכען הי=הי=הי — אזוי אז דער קלענערער יונג פון דער „קאמאנדע” האט די צונג ארויסגעשטעקט — נאכגעמאכט הינטען ארום דער מיהמע'ס הוסט, נור דער עלטערער, חיים, האט איהם ביים ארבעל געצויגען — ווארום ער האט אויך פערשטאנען, אז דא וועט עפּיס זעהר ערנסטעס געשעהן.

נאך א פּאר מינוט האט זיך ענדליך דער פעטער אנגערופען זעהר ערנסט, נישט קוקענדיג אויף קיינעם, ווי ער וואלט גערעדט צו דער וואנד.

— כ'האב ערהאלטען א בריעף פון מאיר'ן.

— וואס שרייבט ער? — האט צום סוף געפרעגט חנה=לאה.

— ער שרייבט מיר, — זאגט דער פעטער לייביש און נעהמט פון בוזעם=קעשענע ארויס א בריעף, — אז איך זאל אריינגעהן צו זיין „זוגתו” (מיט דעם לשון פון בריעף) און איבערריידען מכח ארויב=קומען קיין אמעריקא. ער וויל, אז זיין ווייב מיט די קינדער זאלען קיין אמעריקא ארויבקומען.

א מינוט איז שטיל געווארען. חנה=לאה האט נישט געוואוסט אויף דעם צו ענטפערן.

— הי=הי=הי, — האט זיך ווידער אמאל געהערט דער מיהמעס דינער הייזעריגער קול.

דער קלענער יונג פון דער „קאמאנדע” האט זיך שוין נישט געקאנט איינהאלטען און האט דער מיהמע נאכגעמאכט:

— חא=הא=חא, — האט ער פון ווינקעל ארויסגעקרעהט.

אלע האבען זיך ארומגעקוקט אויף איהם, נור קיינעם איז איצט דער קאפ נישט געשטאנען צו איהם.

— ווי הייסט, איך זאל קיין אמעריקא ארויבקומען, — האט חנה=לאה צום סוף דאך ארויסגעקראגען א ווארט צו זאגען, האטש זי האט אליין נישט געוואוסט צו וואס זי זאגט עס.

— ער שרייבט מיר, — האט לייביש ווייטער דערצעהלט מיט זיין שטיל קול און געשאקעלט זיך דערביי און האט דעם בריעף אויפגעעפענט (שטעלען האט ער פון איהם ארויסגעלעזען — און אין שטעלען האט ער דערצעהלט), — ער שרייבט מיר, אז רבות

מחשבות בלב איש, און ער ווייסט נישט וואס צו טהון, אהיים צו קומען — זאגט ער, האט ער נישט קיינע געלד, און צו וואס? — צו וואס וועט ער זיך נעהמען? דא א בעל־מלאכה וועלען שעמט ער זיך, און געלד אויף א געשעפט זיך צו מאכען האט ער נישט, — און ווער ווייסט, צי ער וועט אזוי פלינק האבען, ווארום חאטש מען זאגט, אז אמעריקא איז א לאנד, וואו מען שעפט געלד, נור בזעת אפיך תאכל לחם, — און ער דא, און זי דארט איז אויך קיין תכלית נישט. ערשטענס, צוויי „היינער" פיהרען, און א יאהר איז ער שוין אהן זיין זוגתו היקרה, ובניו שיחיו, ונפשו קשורה בנפשם, — האט ער זיך אנ׳עצה געהאלטען מיט זיין קרוב דארט, און יענר האט אידם אויך צוגעראטהען, אז ער זאל דאס ווייב מיט די קינדער אראבנעהמען, ווארום דא איז א מנהג, אז מען נעהמט שיפס־קארטען אויף אויסצוצאהלען. און וואס בנוגע יודישקייט, איז אומעטום ווי מען וויל קאן מען אבהיטען דאס יודישקייט, והא ראיה ער, עם לבן גרתי — און דאך פיהרט ער זיך ווי אין דער־היים. — און אז מען קומט אראב מיט קינדער, איז מען דא גאר געהאלפען. ובתי רחל שתחיה — וועט דא באלד קאנען געלד פערדיענען, ווארום מיט טעכטער איז נאך בעסער ווי מיט זיהן — און קיין אנדער עצה איז נישטא — ווארום ווי לאנג איז דער שיעור צו בלייבען אליין — ער דארט און זיי דא — און נאכ׳ן יודישען דין — אלזא אזוי ווי ער האט קיינעם נישט, בעט ער את גיסו היקר, אז ער זאל אריינגעהן צו זיין ווייב שתחיה און זאל מיט איהר אלעס איבער־רייד־ען בפרט און זאל זי טרייסטען — ווארום דער ים, אז גאט וויל, איז גאר נישט, ווארום ביד ה׳ אפקיד רוחי.

איידער לייביש האט נאך געענדיגט דעם בריעף צו לעזען און צו דערצעהלען, איז חנה־לאה ארויס מיט אזא שרעקליך האר־רייסענדיג געוויין, ווי עס וואלט חלילה ווער געשטארבען. די יונגע האט נישט געוואוסט, צי זי זאל זיך פרעהען איבער׳ן בריעף, צי זי זאל טרויערן — נור זי האט געפיהלט ווי די טרעהרען שטיקען איהר אין האלז און זי האט אזוי שרעקליך זיך צעוויינט, אז קיינער האט זי נישט געוואלט טרייסטען און אבהאלטען זי. די יונגען

זענען שטיל געוואָרען, ערנסט, רחל'ע האָט אויך אין דער שטיל גע-
וויינט, אַלע האָבען געוואַרט אין געשוויגען ערנסט און נאָכגעקלערט
עפּיס-וואָס, און געלאָזט די מאַמע וויינען. נור דער מוהמעס קול
האָט זיך געהערט מיט דעם שטילען געוויין, און איצט האָט מען
עס בפירוש געהערט ווי עס לאַכט, מיט אַ חריפּענדיג קול, און
דער מוהמעס דין-שפּיצענדיג לאַכען האָט מעהר געשראָקען ווי דער
מאַמעס געוויין.

— חי-חי-חי, — האָט עס געקלונגען איבער דער יודענעס
געוויין.

# דאָס פיערטע קאַפּיטעל

## חנה לאה געזעגענט זיך מיט איהרע טויטע קינדער.

חנה לאה איז זיך געגאַנגען געזעגענען מיט די אָבות — אַ טאָג
פריהער איידער זי האָט לעשנע פערלאָזט, קיין אַמעריקאַ צו רייזען.

צו דער מוטער אין קבר האָט חנה-לאה אַזוי אַריינגערעדט:

„ביי וועמען לאָזט דו מיך? צו וועמען וועל איך גיהן, איך
מוז דאָך אַרויסגעהן אין די מדבריות, איבער דעם ווילדען ים —
צו וועמען וועל איך דאָרט אַריינגעהן? ביי וועמען אויפ'ן קבר וועל
איך זיך קלאָגען? — מאַמע, מאַמע, וואו לאָז איך דיך? — איך וועל
דאָך דיך קיינמאָל שוין נישט זעהן, קיינמאָל צו דיין קבר-אבות
נישט קומען. מאַמע, מאַמע, וואו לאָזט דו מיך?"

אויפ'ן גוטען אָרט זענען אָבער געווען נאָך צוויי אייגענע,
מיט וועלכע אייגענטליך חנה-לאה האָט פשוט נישט געוואוסט וואָס
צו טהון.

דאָס זענען געווען איהרע צוויי קינדער אברהמ'ל און היני-
דעלע, אַ יונגעלע פאַר יוסעל'ן און דאָס מיידעלע נאָך יוסעל'ן.
דאָס יונגעלע וואָלט שוין היינט אַלט געווען ניין יאָהר, און דאָס
מיידעל זעקס. ביידע זענען זיי געשטאָרבען אויף מאָזלען.

מיט די קינדער האָט די יודענע אייגענטליך נישט געוואוסט

װאָכ צו טהון. די האָט זיך גאָר נישט געקאָנט פאָרשטעלען, אַז די װעט זיי אַזוי איבערלאָזען אַליין אויפ'ן גוטען אָרט און אויסגעפּאָדרען און קיינמאָל שוין נישט זעהן זייערע קברים'לעך. איהר האָט זיך געדאַכט, אַז אַזוי װי די קינדער מוזען דאָך ביי װעמען איבערבלייבען, אַז די פאָהרט אָב פון לאַנד, — עפּיס קיין קלאָר געפיהל האָט זי נישט געהאַט, — זיי זענען דאָך טויט און ליגען װי אַלע טויטע דאָרט אויסען — נור דאָך זענען עס דאָך איהרע קינדערלעך. געװאַלד, װי לאָזט מען זיי איבער, און קיינער װעט אויפ'ן קבר נישט אַרויפקומען — נישט אין די דריי װאָכען, נישט אין תשעה באב.

װאָרים צו די קינדער אויפ'ן גוטען אָרט האָט חנה־לאה נאָך געפיהלט אַ געװיסע באַציהונג פון אַ לעבעדיגער. די פלעגט אַרויסגעהן אויפ'ן גוטען אָרט — און אַז מען האָט זי געטראָפען — צו װעמען? — צו מיינע צוויי „יונגע בוימעלעך", פלעגט די אָבענטפערן. און איז איהר שלעכט געװען — איז הער מאַמעס קבר געװען, — דערנאָך די קינדער. „לויפט, קינדערלעך, און בעט פאַר'ן „כסא רחמים", פאַר אייער מאַמע חנה־לאה בת יענטע, װאָס איז אין אַ גרויסער צרה". די „קאָמאַנדע" און יוסעלע האָבען אויך געהאַט זייער ברודער'ל און שװעסטער'ל, און, אַז עס איז געקומען תשעה באב, פלעגען זיי די חברים אַהין פיהרען צו זייערע קברים און שװערדען אַריינשטעקען, און זיך ריהמען מיט זייער ברודער'ל, װאָס זיי האָבען ליגען, און האָבען זיך דערביי געפיהלט גרויסע בעלי־בתים אויפ'ן „גוטען אָרט", װייל זיי האָבען אַ ברודער'ל מיט אַ שװעסטער'ל ליגען — חאָטש זייער חבר שמעיה האָט אַ גרעסערע פּראָטעקציע צום גוטען אָרט — װייל ער האָט דאָרט מיט זיין מאַמען דאָרט ליגען. הערכדעם איז עפּיס חנה־לאה איצט, אַז זי האָט געדאַרפט אַהיים צו געהן דאָס לעצטע מאָל פון גוטען אָרט נאָכ'ן געזעגענען מיט דער מאַמען, שטעהן געבליבען ביים טויער: מאַמע קרוין, — האָט זי זיך געזאָגט, װאו געה איך? און אברהמ'לען לאָז איך דאָ, און הינדעל'ן דאָ — מיינע קינדער, — און האָט זיך װידער אַמאָל געװאָרפען אויף זייערע קברים'לעך, װעלכע

זענען שוין נישט מעהר געווען, נור אין הויף, אין גראָז־בעוואַקסענע פעלד, די ברעטלעך צובראָכען — אין דאָס קבר גלייך מיט דער ערד. זי האָט נישט געוויינט, האָט נישט געזאָגט: „געהט, קינדערלעך, לויפט, בעט פאַר אייער מאַמע״ — זי האָט געטראַכט וועגען זיך, אַז זי לאָזט עפּיס איבער — און וואָס לאָזט זי איבער, מישטיינס געזאָגט — עס איז דאָך נישט קיין לעבעדיגע — האָט זיך די יודענע אַליין געזאָגט.

דאָך אַוועקגעהן האָט זי נישט געקאָנט, זי האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז מען דאַרף זי אין דער־היים, דאָס בעטגעוואַנד איז נאָך נישט געפּאַקט, — און וואָס שטעה איך דאָ, נאַרישע יודענע?

זי האָט זיך ווי עפּיס אַרויסגעגנב׳עט פון גוטען אָרט, און אין האַרץ ביי זיך געהאַט אַ שלעכט געפיהל, — אַזוי ווי זי וואָלט עפּיס אַן עולה געטהון...

אַהיים געגאַנגען, האָט זי שוין געטראָפען די מאַנספּער־שוינען אין בית־המדרש געהן מנחה דאַוונען, עס איז געווען גאָך סכות, נאָך שיינע טעג, די זון איז אונטערגעגאַנגען און די בוימער האָבען געררישט.

ביי זיך אין שטוב האָט זי צוערשט געזעהן דאָס פּעקיל, וואָס איז געלעגען אין מיטען שטוב, און משה אהרן דער קרעמער האָט געוואַרט דערויף. פון פּעקיל האָט אַרויסגעקוקט דאָס הענגּ־לייכטער׳ל מיט די בלאָהע פּאַפּירלעך, וועלכעס זי האָט בעהאַנגען אויף פסח. זי האָט עפּיס אומווילענדיג געדענקט ווי פיעל ס׳איז נאָך צו פרייטאָג און ווי זי וועט דעם פרייטאָג די ליכט בענשען. זי האָט יוסעל׳ן געהייסען דאָס געלד־ביקסעל פון דער וואַנד אַבריימען און אַהינטערטראָגען אין בית־המדרש אַריין.

דערנאָך איז אַריינגעקומען דער פעטער וואָלף אַליין מיט זיין ווייב. דאָס ווייב האָט עפּיס געבראַכט אונטער דעם זשאַקעט פאַר די קינדער׳ס וועגען, — און דער שוואָגער איז צו איהר זעהר גוט געווען — דער שוואָגער לייבוש איז מיט׳ן אַגענט געקומען — דעם ליטוואַק — האָבען עפּיס גערעדט, — אין שטוב איז אַ גרויס געהודער געווען, די בעטען האָט מען צונומען, — די ביינקלעך האָט מען

אװעקגענומען, דאָס ספרים־שײנקעל אַרױסגעטראָגען, דאָס הענגלײכטערל איז נישט געװעזען; רחל'ע האָט געפּאַקט דאָס בעטגעװאַנד אין מיטען שטוב, אסף שמרוי איז געלעגען אָנגעלעגט, און די מודמע שײנדעלע האָט געהוסט און געלאַכט, און זי איז עפּיס געשטאַנען אין מיטען שטוב און האָט עפּיס געשריִען, נור װאָס — געדענקט די שוין אַלײן נישט. — פון הײמאַלט אָן האָט די ירדענע געלעבט װי אין אַ חלום.

---

### דאָס פינפטע קאַפּיטעל.

---

# איבער דער גרעניץ.

די משפחה איז געזעסען אין װאַגאָן צוזאַמענגעדריקט, חנה־לאה מיט די קינדער און די פּעקלעך און קױשלעך — װי אַ הינדן זיצט איבער די אײער, און זײ זענען געפאָהרען אין דער װײטער װעלט אַרײן. חנה־לאה האָט קײן קינה נישט געלאָזט זיך רירען פון אָרט — האָט װי מורא געהאַט, אַז מען זאָל איהר נישט אײנס אַװעקחאַפּען, און זי האָט געהאַלטען אין אײן שרײען אויף אײנעם פון דער „קאָמאַנדע“, אויף חיים'ן, װעלכער איז זעהר נײגיריג געװעזען צו װיסען אַלץ, װאָס טהוט זיך אין װאַגאָן און אויסער דעם װאַגאָן. ער האָט זיך אַלע מאָל אַװעקגעשלײכט און געװאָרפען אַ בליק דאָ דורכ'ן פענסטער און דאָ דורך די טהיר, און בײ יעדען מאָל, װען דער יונג איז אַװעקגעקומען פון הינטער איהר האַנד, האָט זי שוין געמײנט: שוין, ער איז שוין פערלאָרען געגאַנגען און פערפאַלען געװאָרען, װאָרום אויף אַלע מענשען אין װאַגאָן האָט חנה־לאה געקוקט מיט שרעק און חשד, װאָס זענען אױסגעשטאַנען אויף איהר לעבען און אויף דעם לעבען פון איהרע קינדער, און זי האָט מורא געהאַט מיט זעמען אַ װאָרט אױסצורײדען, אָדער זעמען עטװאָס צו פרעגען (װאָרום אַזױ האָט איהר דער „אַגענט“ אָנגעזאָגט — מיט קײנעם גאָר נישט רײדען...), האָטש די מענשען זענען נאָך געהען אונזערע, און דאָס לשון אונזערס.

אַזוי איז זי אָבגעֶפאָהרען אַגאַנצען טאָג אין וואַגאָן און אַרום פאַר-נאַכט איז זי אָנגעקומען צו דער סטאַנציע, וועלכע איז געווען אויסגעשריבען אין קוויטעל, וואָס דער אַגענט האָט איהר געגעבען, און וועלכעס זי האָט געהאַלטען די גאַנצע צייט אין דער האַנד און געהיט עס, ווי אַנ'אויג אין קאָפּ.

דורך די וואַגאָנען איז דורכגעגאַנגען אַ יונגער-מאַן אין אַ גומענעם מאַנטעל מיט אַנ'אויסלענדיש אַכט-קאַנטיג היטעל און האָט געוואָרפען אַ געהיימען בליק צווישען די פּאַסאַזשירען — „ווער צו דער גרעניץ?״ דאָס איז געווען דער צייכען, וואָס דער אַגענט האָט איהר געזאָגט, און זי האָט איבערגעגעבען דעם יונגען-מאַן דאָס קוויטעל, און דער האָט געגעבען אַ געהיימען וואונק צו איהר: „געדענק נאָך מיר״ — און זי האָט צוזאַמענגענומען די פּעקלעך, רחל'ע האָט אָנגענומען יוסעל'ן ביי דער האַנד, די „קאָמאַנדע״ — די פּעקלעך אויף די קליינע פּלייצעלעך, און ווי צו דער שחיטה זענען זיי נאָכגעגאַנגען דעם יונגען-מאַן. פון דענסטמאָל אָן האָט זיך חנה-לאה געפיהלט „געפאַנגען״, און די רעכטיגע רייזע „קיין אַמעריקאַ״ האָט זיך ערשט אָנגעהויבען, מענשען האָבען אויף איהר געשריען, בעפוילען איהר און געהייסען אַזוי און אַזוי טהון, און זי האָט אַלץ אויסגעפיהרט, ווי אַ געפאַנגענע.

דער יונגער-מאַן האָט צוגעוואָרפען אַ וואָרט צו דער „פּוהר״ און פלוצלונג האָט ער געגעבען אַ געבייזער: „בעהאַלט זיך פאַר'ן זשאַנדאַרם״, און אַליין איז ער פערשוואונדען געוואָרען ווי אין דער ערד אַריין. אַ פּאָר מינוט איז חנה-לאה מיט די קינדער און מיט די פּעקלעך געשטאַנען אין מיטען דער סטאַנציע און איז געווען צומישט, האָט נישט געוואוסט וואָס צו טהון, און איז גרייט געווען, אַז דער זשאַנדאַרם זאָל צוגעהן צו איהר און מען זאָל איהר מיט די קינדער אַוועקפיהרען האָטש אין שאול תחתיה. און זי האָט זיך אַליין געפונען שולדיג עפּיס פאַר אַ גרויסע זינד, וואָס זי האָט געוואָלט בעגעהן — „אַריבער די גרעניץ״... און זי האָט זיך שוין געהאַלטען פערפאַלען, ערשט אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט זיך ווידער פלוצלונג בעוויזען דער יונגער-מאַן און האָט

געגעבען אַ בּאַבּיזער „צו דער פּוהר". זיי זענען צו צו דער פוהר, דאָרט איז שוין געווען פיל, ידען, ווייבער, קינדער מיט פּעקלעך, מען האָט זי מיט די קינדער אַרויפגעוואָרפען — און וויאָ — די פוהר איז פלינק אַוועק.

די פוהר איז אָבגעפאָהרען אַ צווי שעה אין די נאַכט אַריין, און חנה־לאה איז אָנגעקומען אין אַ גרויסען הויף אַריין. אַרום איז געלעגען די שוואַרצע נאַכט איבער די פעלדער און אַ וואַסער האָט אויך דאָרט געמוזט זיין — עס האָט געבלאָזען אַ ווינד. הינד האָבען געוואָיעט און חנה־לאה'ן האָט זיך געדאַכט, אַז זיי זענען אָנגעקומען צום טויער פון די מדברות, דורך וועלכע מען דאַרף אַדורכפאָהרען, אַז מען פאָהרט קיין אַמעריקאַ. אַ טויער האָט זיך אויפגעעפענט און זיי זענען אַריין אין אַ גרויסע שטאַדאָלע, וואו זיי האָבען דערזעהן ביי דעם שיין פון אַ קליין נאַפט־לעמפּיל, וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנד, אַ גאַנצע מחנה אויסוואַנדערער, וועלכע זענען געלעגען פאַמיליענווייז אַרום זייערע פּעקלעך אין די ווינקלעך פון דער קרעטשמע.

יעדער פון די אָנגעקומענע האָט זיך אויסגעזוכט אַן אַנדערע ווינקעל און חנה־לאה מיט די אידריגע האָבען באַלד געפונען אַ בּינטעל היי, וועלכעס איז געלעגען אָן אַ זייט, האָבען דאָרט אָבגעלעגט זייערע פּעקלעך און דאָרט זיך אַוועקגעזעצט. חנה־לאה האָט זיך אומגעקוקט און האָט דערזעהן, אַז די מענשען, וועלכע געפינען זיך דאָ, זענען יודען, און חאָטש זיי ריידען ליטוויש — מוז עס דאָך זיין ליטוואַקעס — דאָך זענען עס יודען, — איז איהר פיעל גרינגער געוואָרען אויפ'ן געמיטה און זי האָט זיך געפונען צווישען אייגענע. זי האָט געזעהן, ווי די קופּקעלעך אַרום מאַכען זיך בּעקוועם, די ליטוואַקעס בּינדען אָב די טשייניקעס פון זייערע פּעקלעך, נעהמען אַרויס אוגערקעס פון זייערע טיכעלעך, צושניידען זיי און צוטיילען זיי אַרום מיט ברויט די זייעריגע, יעדע משפחה, פאַר זיך. אַרום זייערע פּעקעלעך האָט זיך חנה־לאה אויך דערמאָהנט אָן איהרע שוואַלבען, אַז זיי האָבען אַ גאַנצען טאָג היינט נישט אין מויל געהאַט, האָט אויפגעעפענט איהר פּעקיל

און אַרויסגענומען פון דאָרט די חלה מיט די וואורשט, וואָס די רייכע שוועגערין האָט איהר מיטגעגעבען אויפ'ן וועג, האָט צוטיילט איהר עסען איהרע קינדער און רחל'ע, וועלכע איז מעהר ענערגישער געווען פאַר דער מוטער און האָט מעהר מוטה געהאַט פאַר איהר, האָט גענומען דאָס טשייניקעל און איז נאָכגעגאַנגען די ליטוואַקעס אין דאָס צווייטע שטיבעל אַריין, וואו עס איז געווען די שיינק צו קויפען וואַרים וואַסער.

אַז די משפחה האָט געטרונקען טהיי פון איין גלאָז, וועלכעס איז אַרומגעגאַנגען פון איין האַנד צו דער צווייטער — האָט זיך צו חנה=לאה'ן צוגערוקט אַ יודענע פון אַ צווייט ווינקעל אַרויס און, אַנידערזעצענדיג זיך נעבען זייערע פעקלעך, האָט זי געפרעגט:

— איהר פאָהרט אויך קיין אַמעריקאַ?

חנה=לאה'ן האָט מען אָנגעזאָגט פאַר'ן אַרויספאָהרען, אַז זי זאָל קיינעם ניש[ט] זאָגען, אַז זי פאָהרט קיין אַמעריקאַ, נור זי פאָהרט נאָך ברעסלוי צו אַ דאָקטאָר, מיט אַ קראַנק קינד, — האָט זי דער יודענע אויך אָבגעענטפערט האַלבע ווערטער:

— ניין, איך פאָהר מיט אַ קראַנק קינד צו אַ דאָקטאָר קיין אויסלאַנד.

די יודענע האָט מאָדנע די ליפען פערביסען און האָט זיך אָנגערופען מיט אַ שמייכעל אין אַ צווייט ווינקעל אַריין:

— נאַ, יואל, זיי פאָהרען אויך צו אַ דאָקטאָר קיין ברעסלוי.

פון ווינקעל האָט ווער אָבגעענטפערט זיין אַ לאַכענדיגען טאָן:

— מיר אַלע פאָהרען קיין ברעסלוי, — אוי, פאָהרען מיר קיין ברעסלוי.

די יודענע האָט ווידער געפרעגט חנה=לאה'ן:

— וואָס, איהר האָט אַ מאַן הינטען?

חנה=לאה האָט פערשטאַנען, אַז דאָ האָט זי נישט וואָס צו בעהאַלטען, האָט זי אָבגעפרעגט די יודענע:

— און איהר האָט אויך אַ מאַן הינטען?

— הלואי וואָלט איך איהם אַזוי נישט געהאַט, ווי איך האָב איהם, — האָט די יודענע אָבגעענטפערט אין אַ קרעכץ.

חנה־לאה האָט זיך פֿערוואונדערט און האָט מורא געהאַט ווײַטער צו רײדען מיט דער יודענע. זי האָט זיך געוואָלט אויסדרעהען צו די אידריגע, וואָרום אָט טאַקע איז יוסעלע׳ס קעפּעלע געפֿאַלען אין אידר שויס. דאָס קינד איז מיעד געוועזן און מיט׳ן שטיקעל ברויט אין האַנד און מיט דער „מוציא״, וואָס ער האָט געמאַכט איבער זײַנע ליפּען, איז ער אײַנגעשלאָפֿען אין דער מוטער׳ס שויס.

נור די יודענע האָט זיך נעהנטער אַוועקגעזעצט נעבען חנה־לאה׳ן און האָט אָנגעהויבען אַלײן צו דערצעהלען.

— ער איז אַראָבגעפֿאָהרען פֿאַר אַכט יאָהר. אויפֿ׳ן צווײטען יאָהר נעהם איך דיך אַראָב, האָט ער געזאָגט, אַזוי זאָל מען נאָך הערען פֿון איהם ביז׳ן הײַנטיגען טאָג! מיט אַ קינה אויף דער האַנד און מיט אײנס בײַ דער ברוסט האָט ער מיך איבערגעלאָזט. איך האָב געמײנט, אַז ער איז געשטאָרבען. ערשט מען שרײַבט מיר, בעקאַנטע הײמישע מענשען, ער לעבט דאָרט מיט אַן אַנדערער, האָט קינדער פֿון אַן אַנדערער. אָט פֿאָהר איך דאָס אַראָב צו איהם, מיט מײַנע שוואַלבען — ווײַזט זי אין אַ ווינקעל אַרײַן אויף שלאָפֿענדע קינדער. מען זאָגט, מען וועט מיך גאָר נישט אַרײַנלאָזען קײן אַמעריקאַ, אויב אַז ער וועט נישט אַראָבקומען צום שיף, מיך אַראָבנעהמען — אָט האָסטו דיר אַ פֿרײַ לאַנד.

חנה־לאה איז זיצען געבליבען מיט אַ קלאַפּענדיג האַרץ. אײן מינוט איז איהר אײַנגעפֿאַלען, וואָס די שוועגערין שײנדעלע האָט דערצעהלט בײַ איהר אַוועקפֿאָהרען. איהרע ליפּען האָבען געציטערט, און איהרע הענד האָבען ווי אין קראַמפֿ געטאַפּט יוסעלע׳ס קאָפּ, וואָס איז געלעגען אין איהר שויס.

— אפשר איהר מאיר אויך?... אַ קשיא אויף אַמעריקאַ, אַזאַ ווײַט לאַנד!

באַלד האָט זי זיך אָבער פֿאַרגעשטעלט איהר מאַן, און זיך געזאָגט: נײן, מאיר נישט, נײן — און חאָטש דאָס האַרץ איז געבליבען אונרוהיג, דאָך ווען די יודענע האָט געפֿרעגט אויף איהר מאַן, האָט חנה־לאה נישט אָהן גאוה אָבגעענטפֿערט:

— מײַן מאַן (זי האָט אַקצענטירט דאָס וואָרט) נעהמט מיך מיט די קינדער אַראָב, אַיאָהר איז ער ערשט דאָרט און נעהמט אונז שוין אַראָב.

— אַ גליקליך ווײַב — האָט די אונבעקאַנטע יודענע געשאָקעלט אויף חנה־לאה׳ן — עס זענען דאָ מענער אויף דער וועלט, און איך — האָט זי געקרעכצט — וואָס האָב איך נישט געטהון, איך האָב זיך אין קאַפּעליושען געלאָזט מאָלען און מײַנע בילדער אַראָבגעשיקט; מען זאָגט צו מיר: לאָז דיך אָבפאָטאָגראַפירען אין אַ קאַפּעלוש, שיק איהם דײַן בילד אַראָב, לאָז דיר די באַקען רויטלען, ווײַזען, אַז דו ביזט אויך אַ שען ווײַבעל. איך האָב זיך געלאָזט די באַקען רויטלען, איך האָב פון דער נגידות׳טע אַ קאַפּעלוש געבאָרגט, איך האָב איהם די בילדער געשיקט... אוי, קרעכצט די יודענע, עס זענען דאָ מענער אויף דער וועלט — ערשט אַיאָהר דאָרטען, און נעהמט שוין דאָס ווײַב מיט די קינדער אַראָב — און שאָקעלט דערבײַ אַלץ אויף חנה־לאה׳ן.

חנה־לאה האָט אויסגעשפּיגען, אַז די יודענע זאָל איהר, חלילה, נישט קיין עין־הרע געבען, זי האָט די קינדער געהנטער צוגערוקט צו זיך, און געכיפּען אויף דעם יונג, חיים׳ן, וועלכער איז שוין געווען אין אַלע ווינקעלעך, האָט זיך שוין געהאַט בעקענט געמאַכט מיט יונגלעך פון אַנ׳אַנדער משפּחה, און קוקט שוין דורך די טהיר אין די צווייטע שטוב אַרײַן. זי האָט צוגעשריען אויף איהם, אַלץ אַרום געהאַלטען אַרום זיך, ווי זי וואָלט, חלילה, מורא געהאַט, אַז די יודענע זאָל פון איהרע גאָרנישט אַוועקנעהמען, און האָט געפרעגט און אין איהר שטים האָט זיך געהערט אַ צופריעדענער טאָן:

— און ווער זענען דאָס די? — האָט זי געפרעגט אויף דעם ווינקעל, פון וואַנען די יודענע איז אַרויסגעקומען — אַייעריגע?

— עס איז אַ חתן מיט אַ כלה פון אונזער שטעדטיל, פאָהרען ביידע קיין אַמעריקאַ אַראָב.

— אַזוי — האָט חנה־לאה אָבגעענטפערט גאַנץ בעלי־בת׳יש — באַלד האָט זיך דערהערט אַ קינד ווײנען.

— אהא, מיינס וועקט זיך שוין, — האט זיך די פרעמדע יודענע אויסגעהאפּט, — נא, נא, מיר וועלען זיין „שיף-שוועסטער“, — האט זי געזאָגט צו חנה-לאה'ן און איז געלאָפען אין איהר'ן ווינקעל אריין.

— וואָס איז דאָס אזעלכעס? — האט חנה-לאה געפרעגט.

— מיר וועלען אינאיינעם אויף איין שיף פאָהרען, — האט די יודענע אָבגעענטפערט פון דער-ווייטענס.

דער עולם איז דערווייל איינגעשלאָפען, פון דאָ און דאָרט האט זיך געהערט חריפּען, די קינדער זענען געלעגען ארום זייערע מוטערס אויף די פעקלעך, און זענען געשלאָפען, די פאָטערס אָנגעלעהנט אויף די קעסטלעך, און ביי דעם שיין פון דעם לעמפּיל האט דער עולם אויסגעזעהן ווי שאָטענס, ווי אָנגעקומענע, ווי איבּיגע וואנדערער, וואָס קומען אָן פון א פרעמדער וועלט און וואנדערן ערגיץ דורך נעכט, דורך טעג, אין א פרעמדע וועלט אריין. אויף זייערע פּנים'ער איז געלעגען דער געהיימניסער טרויער פון אייביגען גלות; די מוטערס האבּען געהאלטען די קינדער אויף זייערע הענד און זענען געשלאָפען; די יונגלעך זענען געלעגען אין די פאָטערס שויסען און זענען געשלאָפען; אויף די ווענד זענען געפאלען די מידע שאָטענס פון די שלאָפענדע מיט זייערע פעקלעך און טשייניקעס, און זיי האבּען אויסגעזעהן, ווי ארויסגעטריבּענע פון אן'איינגענומענער שטאָדט, ווי נעכטען וואָלט ערשט דאָס בית-המקדש חרוב געוואָרען, און אט-וואָס קומען זיי ערשט אָן פון דעם וועג פון ירושלים, און נבוזראדן געהט זיי נאָך און טרייבּט זיי נאָך; און אָט זענען זיי דאָס אויף דעם וועג צו דעם לאנגען, לאנגען גלות...

אין א ווינקעל האט זיך געהערט א שטים פון אן'אלטען יודען. זיין סדור'ל האט ער געהאלטען פאר דעם שיין פון דעם לעמפּיל און האט געזאָגט מיט זיין אלטער טויזענד-יעהריגער יודישער שטים דאָס שרעקליכע געזאנג:

„למה רגשו גוים ולאומים יהגו ריק“.

אין צוויי שעה ארום זענען די גוים געקומען, אריבערצופיהרען די מחנה אויסוואנדערער איבער די גרעניץ.

חנה-לאה איז ערשט-וואס געהאט איינגעשלאפען אויף דעם קעסטעלע, וועלכעס איז געשטאנען הינטער איהר, און דער יונגערמאן מיט'ן גומענעם ראק איז ארומגעגאנגען צו די שלאפענדע און האט זיי אויפגעוועקט. פון אלע ווינקלעך האבען זיך געבויגען מענשען-קעפ, מען האט פלינק צוזאמענגעלעגט די פעקלעך, די מוטערס האבען פארזיכטיג זייערע קינדער אויס דעם שלאף געוועקט, און אלץ האט זיך מיט א שטילען ערנסט געמאכט זיך אין וועג אריין.

רחל'ע האט יוסעל'ן גענומען אויף די הענד, דאס קינד איז מיעד געוועזען און פערשלאפען און האט בשום אופן נישט געקאנט פערשטעהן, וואו ער איז און וואס עס טהוט זיך דא — ער האט מורא געהאט און פעסט זיך געהאלטען אן דער מאמען. די „קאמאנדע" האט אויך די פליעגלען פערלוירען, זענען שטיל געווארען, טרויעריג און פערטראכט. נור רחל'ע אליין האט זיך געהאלטען, האט אין אלעם געדענקט און האט די יונגען געמינטערט.

פאראויס זענען געגאנגען די גוים, די מחנה נאך זיי. מען איז אויף די גאס ארויסגעקומען. די נאכט איז געוועזען א קאלטע און א ליכטיגע. די לבנה האט זיך געהאט ארויסגעוויזען פון הינטער די וואלקענס — און דאס איז זעהר שלעכט געוועזען פאר די פיהרער. זיי האבען זיך לאנג געשלאגען אין דער דעה — יא צו פיהרען אדער נישט, — נור דער הימעל איז געוועזען פערוואלקענט, און די לבנה האט זיך פון צייט צו צייט בעהאלטען הינטער די וואלקענס, — דאס האט דערוועקט האפנונג ביי די פיהרער, און מען האט בעשטימט ווייטער צו געהן. מען איז אדורכגעגאנגען דורך דער טהיר פון הויף און מען איז ארויסגעקומען אויף א ברייט פעלד, וואס איז נאס געוועזען פון נאכט-ראסע; פון דער-ווייטענס האט זיך געריסעוועט א שווארצער שאטען פון א וואלד און מען האט זיך געמאסטען צום וואלד-צו צו געהן.

חנה-לאה האט געדרעפטשעט מיט די קינדער אין דעם וואַ-

סער. יוסעלע, וועלכער איז נאָך געוועזן פערשלאָפען, האָט נישט געוואוסט, וואוהין מען פיהרט איהם, האָט מורא געהאַט און האָט נישט געקאָנט נאָכאיילען די וואַנדערער, וועלכע האָבען גע־דרעפּטשעט איבער דער ערשט־וואָס געאַקערטער ערד, — איז זי פון הינטען געבליבען; די גויים האָבען געשריען אויף איהר, און יוסעלע האָט אָנגעהויבען מורא צו קריגען, איז שטיל געוואָרען און מיט יודישער טרויעריגער אונטערטעניגקייט, וואָס איז שוין אייגען געוועזן דעם אַכט־יעהריגען יוד, — האָט ער אָנגעהויבען נאָכצולויפען. און זיי זענען אין וואַלד אַריין.

דער וואַלד איז געדיכט געוועזן און די נאַכט האָט אָנגע־הויבען שוואַרץ צו ווערען (די לבנה האָט זיך בעהאַלטען) און די „אַגענטען" זענען צופריעדען געוועזן. פאַר מעהר זיכערקייט האָט מען די מחנה צוטיילט און מען איז גרופּענווייז געגאַנגען צווישען די געדיכטע בוימער, די צווייגען האָבען דעם וועג פערשטעלט, און מען איז יעדעס מאָל איינגעטונקט געוואָרען אין אַ פערוואַק־סענעם בוש, פון וועלכען מען האָט זיך נישט געקאָנט אַרויס־קריגען. פון אַלע ווינקעלעך האָבען אַרויסגעקוקט טויטע נשמות, וואָס האַלטען זיך אין די וועלדער אויף, און יוסעלע האָט זיי געזעהן, ווי זיי וואַנדלען צווישען די בוימער, און אָט באַלד וועט מען טרעפען אַ גאַנצע מחנה טויטע נשמות אין ווייסען גע־הילט, ווי זיי געהען דורך דעם וואַלד אַדורך צו דעם וואַסער, צו און געהען זיך טובל זיין, איידער זיי שטייגען איז הימעל אויף צום דין...

אין חדר האָט ער זיך אָנגעהערט מעשיות, און אַליין האָט ער געליינט אין די „מעשה־ביכלעך", וואָס ער פלעגט זיך שוין קויפען ביי לייבוש איינבינדער יעדען פרייטאָג, פון די ווילדע וועל־דער און וויסטע פעלדער, אין וועלכע עס וואַלגערן זיך נשמות אַרום, אין וועלכע גזלנים האַלטען זיך אויף און פאַנגען דעם „בן־מלך" מיט דער „בת־מלכה" און פערשליסען זיי אין די טיעפע הילען. און דאָרט, אין דעם וואַלד, איז דאָ אַ שטיין, וועלכער ליעגט אויף דעם מויל פון דער היל, וועלכעס פיהרט אין גן־עדן התחתון.

אַרײַן. יוסעלע איז געוועזן זיכער, אַז דאָס איז דער מוראדיגע שרעקליכער וואַלד, פון וועלכען ער האָט אין די מעשה-ביכלעך געלייענט, און דורך די שרעקליכע מדבריות און וועלדער גייט מען דאָס טאַקע אַדורך, ווען מען פאָהרט נאָך אַמעריקאַ. און איהם האָט זיך געדאַכט, אַז פון די וועלדער געהען אַרויס וועגען, וואָס פיהרען נאָך ארץ-ישראל און אויף אַלע לענדער פון דער וועלט. און דאָרט, וואו דער וואַלד ענדיגט זיך, ענדיגט זיך די וועלט און עס ווײַזען זיך באַלד די גרויסע, גרויסע מענשען-פרעסער מיט די לאַנגע בערד, וועלכע האַלטען זיך אין דעם חאַלה אויף.

ער האָט געוואַרט אויף זיי מיט אַ קלאַפּענדיג האַרץ, און אָט זענען זיי שוין דאָ — פון דער-ווײַטענס הערט מען אַ גאַלאָפּ פון רײַטערס און אַנ'עכאָ שלאָגט אָב. „וואָס איז דאָס"? — אַלע ווערען שטיל, מען גערט נישט ווײַטער, אָט פאַלט מען צו דר'ערד, די מוטער שלעפּט איהם אַראָב, בעהאַלט זיך — אַלץ, די גאַנצע פּאַרטיע ליעגט שטיל אויסגעצויגען צווישען די בוימער, האַלטען דעם אָטעם אײַן — מען הערט נור דאָס קלאַפּען פון די פערדישע פּאָדקאָוועס. וואָס אַמאָל נעהנטערן זיי זיך, די מענשען-פרעסער, אָט באַלד וועלען זיי זײַן און וועלען אַלע געפאַנגען נעהמען אין זייער הייל, און וועלען זיי האַלטען אין אַ שטײַג און אויספּאַשען, אַז זיי זאָלען פעט ווערען, און יעדען טאָג איינעם פון זיי בראָטען אויף דער „פײַער-פאַן"; אַ קינד ווײַנט און די מחנה ווערט פּלוצלונג אַנטשוויגען, די מוטערס האַלטען מיט דער האַנד דאָס מויל צו, נעבען זיך הערט ער אַ ציטערנדיג קול תהילים זאָגען, אַלע פּליסטערן תהילים אין דער שטיל, ליעגענדיג אויף דער ערד צווישען גראָז; ער הערט דער מאַמעס ליפּען בעוועגען זיך: „גאָט פון אברהם, העלף אונז"! — רחל'ע בעט אויך, ליעגענדיג אויף דער ערד נעבען איהם — רבונו של עולם אין דער מאַמעס טאָן. זאָגט זי — ווען זי בענשט די ליכט. איהם האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע ליעגען גוּ ...ט און זאָגען שוין ודוי אָב, — אָט באַלד וויל ער ווײַנען; די מאַמע פּליסטערט צו — יוסעלע, יוסעלע, זײַ שטיל, זיי וועלען באַלד

אַדורכבריַיטען. — ניין, ער וועט נישט וויינען, ער וועט זיי נישט לאָזען הערען זיין קול, אַז זיי זאָלען נישט וויסען, וואו זיי זענען, ער וועט אויך בעטען, ווי די גרויסע, ווי אַלע בעטען — רבונו של עולם, — ניין — הימעל — די גרויסע, די גרויסע תפלה, וואָס מען זאָגט, ווען די נשמה געהט אויס, וואָס אַלע יודען זאָגען, ווען זיי זענען אין אַ סכנה און אַז מען דערזעהט אַ שד, און מען זאָגט עס, און ער קאָן קיין שליטה נישט האָבען.

„שמע ישראל, ד' אלהינו, ד' אחד!“—

האָט דער קליינער יוד געצויגען אינברוסטיג דעם „אחד“, און ווער ווייסט, אויב זיין קליינע תפלה האָט נישט געהאָלפען, מען האָט באַלד געהערט די זשאַנדאַרמען פערד אָבריַיטענדיג ווייטער טיעף אין וואַלד.

— אין דער שטיל, וויַיטער, מאַכט קיין גערודער... — האָט ווער גערופען צווישען עולם, און מען האָט זיך אויפגעהויבען און מען איז וויַיטער געגאַנגען.

— אַ דאַנק דעם השם יתברך, — האָט חנה-לאה אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל, די אָבות האָבען זיך געמיהט.

אַזוי איז מען אַדורכגעגאַנגען אַ גאַנצע נאַכט.

און צו-מאָרגענס אין דער-פריה, ווען די מחנה האָט זיך געפונען שוין אויף דער צווייטער זיַיט גרעניץ, ווי מען האָט זיי אַריינגעפיהרט „אין באָד“, אויף דיזענפעקציע, האָט זיך שוין קיינער נישט געפיהלט ווי אייגענע מענשען, נור ווי שטיקלעך „סחורה“, וועלכע מען האָט עקספּאָרטירט קיין „אַמעריקאַ“ און מען וואַרפט עס פון איין האַנד אין די אַנדערע אַריין, ביז עס קומט אָן צום ברעג...

## דאָס זעקסטע קאַפּיטעל.

---

# שיף-ברידער און שיף-שוועסטער:

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט זיך שוין די משפּחה געפונען אויף דעם שיף, וואָס איז געלעגען אין די וואַסערן פון גרויסען אָקעאַן. דאָס שיף איז נאָך נישט געהאַט אַרויסגעפאָהרען, עס איז נאָך געלעגען אין האַפען, און די צווישען-דעקענדיגע האָט מען אַ גאַנצען טאָג צופריהער אויף דאָס שיף אויפגעפאַקט. אַ גאַנצען טאָג איז אַ גרויס געדרודער געווען אויף דעם שיף, פערשיעדענע פעלקער זענען אַרויפגעגאַנגען אויף דאָס שיף, מעהרסטען קליין-רוסישע גוים, — און חנה-לאה מיט די קינדער זענען ווי דערטרונקען געוואָרען אין דעם געדרודער. מענשען האָבען געשריען אין פערשיעדענע שפּראַכען, זי איז געגאַנגען וואוהין אַלע זענען געגאַנגען. אַ קליין שיפעל האָט זי מיט די איהריגע צוגעפיהרט צו דעם גרויסען שיף. זי האָט נישט געזעהן דעם ים, זי האָט מורא געהאַט צו קוקען, זי האָט זיך פערלאָזט אויף גאָט... אַ גאַנצען טאָג האָט זיך איינס דאָס אַנדערע געזוכט, פעקלעך זענען געלעגען פאַר די פיס, קיינער האָט נישט געקאָנט געפינען דאָס זייניגע, און אַלעם האָט געשריען. מען האָט זי דורך קעלערס געפיהרט, אין די טיעפענישען אַראָב, זי האָט געהאַלטען יוסעל'ן ביי דער האַנד און נאָכגעגאַנגען, זי האָט נישט מורא געהאַט, זי האָט זיך פערלאָזט אויף גאָט... צום סוף האָט מען איהר אָנגעוויזען אַ סעניק אין אַ ווינקעלע צווישען אַ סך, אַ סך סעניקעס, איז זי אַרויפגעקראָכען מיט איהרע קינדער, האָט זיך איינגענורעט אין איהר ווינקעל מיט די איהריגע און האָט זיך מורא געהאַט צו ריהרען. ערשט איצט האָט זי אָנגעהויבען מורא צו קריגען פאַר'ן גרויסען שרעקליכען ים, חאָטש זי האָט איהם נישט געזעהן, חאָטש זי האָט איהם נישט געפיהלט, ווארום דאָס שיף איז נאָך געלעגען אין האַפען.

דערווייל איז אין דער קאַמער, וואו זי איז געלעגען, געוואָרען גאַנץ היימליך. אַרום זיך האָט זי געהערט יודיש ריידען, און אַז

חנה־לאה האָט זיך אַרומגעקוקט, האָט זי דערזעהן, אַז זי געפינט זיך צווישען בלויז אייגענע. דאָס איז געווען די אָבטיילונג פאַר „יודישע פאַמיליעס מיט קינדער".

— נאַ, זי איז דאָך אויך דאָ! וואו זענט איהר געווען דורך דעם גאַנצען וועג?

חנה־לאה האָט זיך אומגעקוקט, ווער עס רעדט די ווערטער — עס איז געווען די יודענע, מיט וועלכער זי האָט זיך בעגעגענט ביי דער גרעניץ, און וועלכע עס האָט צו איהר אַנטלאָפענעם מאַן.

חנה־לאה האָט זיך מיט איהר דערפרעהט, ווי מיט אַן אַלטען פריינד.

— וואו זענט איהר געווען? איך האָב דאָך אייך געזוכט!

און דיביידע שכנות אויף די צוויי סעניקעס האָבען צוזאַמענגעשמעסן זייערע קינדער און האָבען אָנגעהויבען צו ריידען צווישען זיך דורך די גראַטעס, ווי אַלטע צוריקגעפונענע פריינד.

דערווייל האָט זיך הינטען איין יוד בעקענט מיט'ן צווייטען, אַלע האָבען גערעדט אינאיינעם, האָבען אויסגעפרעגט אויף בעקאַנטע פון זייערע שטעדט, און איין יוד האָט אַזוי לאַנג געפרעגט דעם צווייטען, ביז עס האָט זיך אויסגעוויזען, אַז איינער איז מיט'ן צווייטען משפחה. אַזוי איז אַרומגעגאַנגען דער „ספר היחסין", ביז עס האָט זיך געפונען, אַז אַ האַלב שיף איז משפחה און איין יוד איז מיט'ן צווייטען אַ שני בשלישי.

— אויב אַזוי, טאָ מעגען מיר דאָך טאַקע מנחה דאַוונען, — האָט זיך אָנגערופען אַ פרעהליך קול.

— נו, אדרבא, אדרבא, — האָבען זיך געהערט אַרום קולות.

— יודען, איהר ווייסט, אַז מען צינדט היינט דאָס ערשטע ליכטעל? — האָט ווער אין אַ ווינקעל דערמאָהנט.

— אַ גוטער סמן, אין ערשטען טאָג חנוכה אויף דאָס שיף אַרויפגעגאַנגען.

— ווער איז דאָ פון אונז אַ בעל־מנגן? — פרעגט ווער פון עולם.

— ווי הייסט, מיר האָבען דאָך דעם קעלצער חזן דאָ? —

האט א יוד געוויזען אויף א געלען יונגען=מאן מיט א געל בערדיל, וועלכער האט זיך געהאלטען א ביסעל אבגעזונדערט פונ'ם גאנצען עולם.

— פון וואנען ווייסט איהר, אז דאס איז דער קעלצער חזן? — פרעגט מען דעם יוד.

— מיר דארף מען נישט קיין פינגער אין מויל ארייננצולעגען, איך וויים שוין, — טענה'ט דאס יודעל פלינק, און גיט א וואונק צום געלען יונגען=מאן, — איך דערקען שוין, אין זיין זבאסשטים דערקענט מען שוין. — נא, זעהסט, וויזט ער אויף דעם יונגען=מאן, דו זעהסט נישט דעם לאנגען נאגעל פון גראבען פינגער, — ווייסט, איך האב דאך איהם אליין דאוונען געהערט.

עס האט א ביסעל געדויערט, ביז דער געלער יונגער=מאן האט זיך געלאזט „צו וויסען געבען" פאר זיינע ברידער, אז ער איז טאקע דער קעלצער חזן. דערנאך האט עס א ביסעל געדויערט, ביז ער האט זיך געלאזט איינריידען, אז ער זאל געהן „פאר'ן ברעטעל". נור אין א פאר מינוט ארום איז ער שוין טאקע געשטאנען פאר צוויי ליכטלעך, וועלכע האבען זיך געברענט אויף א קעסטעל, און דער יונגער=מאן האט געגארגעלט פאר'ן עמוד, און אלע ווייבער און אלע קינדער פון שיף האבען מיטגעזאגט קדושה.

א מנחה=דאוונען איז געווען א שענס און א חזניש. נאך מנחה=דאוונען — האט מען געפרעגט, ווער האט „חנוכה=ליכטלעך". עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז אלע האבען זיך געריכט אויף חנוכה און האבען אנגעגרייט חנוכה=ליכטלעך. האט יעדע משפחה אנגעצונדען די ליכטלעך אויף איהר קעסטעל, און דער קעלצער חזן האט זיך אוועקגעשטעלט פאר'ן עמוד, וואס איז בעשטאנען פון איין קעסטעל אויף א צווייטען, דער עולם האט באלד געפונען א פאר קוויטשערלעך פאר איהם, א סאפראנדעל האט ער אליין מיטגעפיהרט מיט זיך, זיינס א יונגעל, א קינד א וואונדער אין דער וועלט — אמעריקא וועט אויפ'ן קאפ שטעהן, — און עס איז געווארען אבגעזונגען א חנוכה=בענשען מיט א מזמור, וואס א זעלכעס האבען נאך די לייט נישט געהערט. חנה=לאה האט זיך פערגעסען, אז זי געע=

פּוּנט זיך אויף דעם שיף. איהר האָט זיך געדאַכט, אַז זי איז בּיי זיי אין שטעדטיל אין דער שוהל, עס איז איהר גאָר װעה געװען, װאָס מאיר איז נישט דאָ. דאָס געזאַנג איז געגאַנגען װאָס אַמאָל העכער, דאָס יונגעל, דאָס סאָפּראַנדעל, האָט װאונדער געװיזען, און דאָס גאַנצע שיף יודען האָבּען אונטערגעהאָלפען (עס איז אַריינגעקומען דער שומר, און האָט געשריען — האָט מען איהם דאָס מויל פערשטופּט מיט אַלא יחרצ׳ל), און דאָס קול איז געגאַנגען װאָס אַמאָל העכער און פרעהליכער, און אַז דער חזן האָט געענדיגט צו זינגען, האָט זיך אָנגערופען דאָס פרעהליכע יודעל, הויך אויפ׳ן קול, רייבּענדיג זיך די הענד:

— איצט פּאַסט די גוטע „לאַטקע״, און די פעטע גריװען לכבוד חנוכה.

— און אפשר דאָס פיינע קערטיל? — רופט זיך אָן אַ צװייטער.

— און טאַקע דאָס פיינע קערטיל אויך! — ענטפערט אָב דאָס יודעל, רייבּענדיג זיך די הענד.

— גריװען זענען דאָ, — רופט זיך אָב אַ װייבּערישׁ קול פון אַ מעניק אַראָב, און דערלאַנגט פון אַ גרויסען פּאַק אַרויס אַ איינגעפּאַקטען טאָפּ קאַלטע גריװען.

— פון װאַנען האָט איהר גענומען גריװען? — פרעגט אַ יודענע.

— מיין טאָכטער האָט מיר מיטגעגעבּען אין װעג אַריין — דאָס האַרץ צו דערהאַפּען, — ענטפערט די יודענע גאַנץ גליקליך.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום זענען שוין געזעסען די יודען פון פערשיעדענע געגענדען און לענדער, װעלכע האָבּען זיך נאָך נעכטען נישט געקענט, מיט זייערע קינדער אַרום איין טיש, האָבּען געגעסען פון איין טעלער, האָבּען זיך געטיילט מיט די ביסענס און האָבּען זיך געפיהלט צװישען זיך װי מיטגליעדער פון איין משפחה, װי אַלטע, אַלטע פריינד פון אַמאָליגע, אַמאָליגע צייטען, װעלכע האָבּען זיך געטראָפען נאָך דאַן, װען דאָס בית־המקדש איז געשטאַנען, זענען איינאיינעם אין די פריהעריגע גלות׳ן געװען, און בעגעגנען זיך װידער דאָ, אויף דעם װעג קיין גלות־אַמעריקאַ...

נור יאָסעלע איז בײַ דעם אַלעם ניט געװען, כאָטש האָט די מוטער איהם יעדעס מאָל געצױגען בײַם אַרבעל, װען דער חזן האָט געדאַװענט. װאו איז יאָסעלעס שענער „אמן" נאָכזאָגען? װאו איז זײַן „יהי שמי רבה", זײַן „קדושה", מיט װעלכען דאָס שטעדטיל האָט געקלונגען? פערגעסען האָט יאָסעלע זײַן יודישקײט. זײַנע גרױסע גלאַנצענדיגע אױגען קוקען איצט דורך דאָס פענסטער'ל אין די נאַכט אַרײַן אױף דעם ברײטען גרױסען ים. דאָס איז ער, דער ים הגדול, פון װעלכען עס שטעהט אין חומש, און לױפט װײַט אַװעק, װאו קײן עק איז נישטאָ, װאו די װעלט ענדיגט זיך, װאו די הימלען הײבען זיך אָן, טונקעל איז ער און שװײַגענדיג, קאַלט און ערנסט ליעגט ער אױסגעצױגען און לױפט װײַט, װײַט אַװעק. פון דער װײַטער טיעפעניש פון ים קומט אָן צו לױפען אַ װאַל, גרױס איז ער װי אַ שרעקליך, װילדע חיה, און גיט אַ שרעקליכען ברום, און אַ שלאָג אָן אין דאָס שיף. אָט שױן האָט זי, די חיה — דער װאַל — דאָס מױל אױפגעעפענט דאָס שיף אײַנצושלינגען, און אַלע, דאָס גאַנצע שיף, װאָלט געװאָרען אײַנגעשלונגען אין איהם, נאָר גאָט שטעהט און זאָגט: „נישט", און מיט אַ געבײזער גיט זיך דער װאַל אַ שלאָג אָב פון דעם שיף און לױפט װײַט אין ים אַרײַן... עס פאַלען די הימלען איבער'ן ים, עס שטײַגט דער ים אין הימעל אױף און טונקעל װערט איבער זײ בײדע — און מיט אַמאָל גיבען זיך אַ צינד-אָן ליכטלעך אין מיטען ים און שװימען אין די לופטען, צװישען הימעל און ים, אײן ליכטעל נאָך אײנס, אַ גאַנצע רײה, הינדערטער, טױזענדער, אײנס נאָכ'ן אַנדערן, און גלײַך זענען זײ, װי בױמלעך אײַנגעזעצט, װי שטערען אױסגעזײהט — װאָס איז עס. צי איז בײַ זײ אױך חנוכה? — און האָט דער ים זײַנע חנוכה-ליכט אָנגעצונדען? — אָדער זענען דאָס די ליכט פון די פענסטער פון הימעל, װעלכע זענען שױן פון יענער זײַט ים? —

און שטיל איז שױן געװען אין דער אָבטײלונג פאַר די יודישע עמיגראַנטען. דאָ און דאָרט זענען די פאַמיליעס געפאַלען איבער זײערע סעניקעס און זענען אײַנגעשלאָפען. דאָ און דאָרט

איז אַן עמיגראַנט געזעסען בײם שײַן פֿון אַ צאַנקענדיג חנוכה־ליכטעל און האָט אױך זײַן קאַסטען געשריבען דעם לעצטען גרוס פֿון שיף צו זײַן פֿאַמיליע, — און יאָסעלע איז נאָך אַלץ געלעגען בײַ דער מוטער'ס זײַט אױפ'ן סעניק און האָט מיט זײַנע גרױסע אױגען אַרױסגעקוקט אין די נאַכט אַרײַן אױפ'ן ים. אין דרױסען איז שױן פֿינסטער געװען, אַ שװאַרצע, שװערע חמאַרע איז געלעגען איבער'ן ים, און אַלץ איז געװען פֿערשטעלט, נור פֿון הינטען, אױף די װענד פֿון שיף האָט זיך געהערט דאָס ברומען פֿון די װעלען, װעלכע זענען אָנגעקומען צו לױפֿען פֿון ים, און האָבען געקלאַפּט אױף די װענד פֿון שיף, און יאָסעלע האָט געטראַכט, פֿון װאַנען די װעלען קומען אָן צו לױפֿען — פֿון דער טיעפֿעניש פֿון ים, פֿון דאָרט װײַט, נאָך די ליכטלעך, װאו עס איז שװאַרץ — דאָרט, װאו עס ליעגט דער לויתן, און אױך זײַן עק שטעהט די װעלט, און עס איז געװיג, אַז ער זאָל אײן װאָרף געבען מיט זײַן עק, און די גאַנצע װעלט זאָל אין ים אַרײַנפֿאַלען, נור גאָט שטעהט דערבײַ און זאָגט: ריהר דיך נישט — און דער לויתן גיט זיך קײן ריהה נישט. ער האָט איהם איצט בעשײַנפֿערליך געזעהן, דעם לויתן, דאָרט אין דער טונקעלקײַט, װאו ער שנײַדט זיך אױס פֿון ים אַרױס און שטײַגט װאָס אַמאָל בולט'ער, בולט'ער פֿון ים אַרױס, אָט װאַקסט זײַן קאָפּ, װאַקסט, ציהט זיך אױס װאָס אַמאָל לענגער און לענגער, ביז עס דערגרײַכט דאָרט צום סוף ים, צום הימעל צו, אָט װאַקסט זײַן עק, און ציהט זיך אױס װאָס אַמאָל לענגער, אָט, אָט, ביז ער דערגרײַכט שױן דאָ אַהער, אָט װעט ער באַלד אָנריהרען מיט זײַן עק די װענד פֿון שיף און אַלץ װעט ער אומדרעהען אין ים אַרײַן.

— מאַמע! — האָט פּלוצים יאָסעלע געגעבען אַ שרײַ אױס מיט אַ האַרץ־שרעקענדיגען געשרײ. — אַז חנה־לאה האָט זיך אױפֿגעכאַפּט, האָט זיך אומגעקוקט, װאו זי איז, — האָט גענומען יאָסעלעס קאָפּ הינטער איהר טוך אַרונטער און האָט איהם דאָס פּנים פֿערשטעלט.

— לײען קריאת־שמע, יאָסעלע, און שלאָף.

און יאָסעלע האָט מיט האַרץ־קלאַפּעניש קריאת־שמע געלײענט הינטער דער מוטער'ס טוך.

## דאס זיעבענטע קאפיטעל.

# צום אמעריקאנער ברעג.

עס איז געוועזן א שענער טאג אויפ'ן שיף. די זון האט ברייט געשיינט איבער'ן ים, און אזוי ווי דא וואלט מען זי געלאזט איין מאל אין איהר לעבען אויסציהען זיך אין איהר גאנצער גרויס־קייט, אז עס זאלען איהר נישט שטעהן אין וועג קיין שפיצען פון דעכער און קלויסטערס — האט די איבער'ן ים געוויזען איהר פראכט און שיין. וויפיעל די האט נור געסטייעט, האט זי זיך פערשפרייט איבער דעם ברייטען, אונענדליכען וואסער, און האט מיט איהר גלענצענדען ליכט, וואס זי האט געגאסען פון זיך, אויס־געקאכט די קאלטע גיסענדע וועלען פון ים, דער ים האט געברויזט געגען־איבער איהר שיין — און דאס וואסער האט געשימערט. איבער דער לענג פון ים, וואו דאס אויג האט ניר געקאנט דער־זעהן, האט זיך געווארפען איין גרויסע, לאנגע שימערנדע וועל, וואס האט געבלישטשעט אנטקעגען דער זון, און האט אזוי געלויכטען, אז דאס אויג האט נישט געקאנט אריינקוקען אין איהר ליכט און איבער דער וועל האט אלין אונזער שיף געשטארקט זיך אדורכצושווימען און האט נישט געקאנט, די לויכטענדע וועל איז איהר פאראויסגעלאפען דעם גאנצען וועג, און האט אויפגעברויזט איהרע וואסערן הינטער די רעדער פון שיף.

אויף דעם שיף איז היינט געוועזן יום־טוב. מען האט זיך דערנעהנטערט צום ברעג פון אמעריקא; האטש מען האט דעם ברעג נאך נישט געזעהן — דאך האט מען געפיהלט זיין נאהנטקייט, און מען האט איהם ערווארט יעדען אויגענבליק צו דערזעהן.

נאך א טאג צו פריהער האבען די מאטראסען דאס גאנצע גרויסע שיף געוואשען, נאך א טאג צו פריהער האבען זיך די מעווען פון דער אמעריקאנער זייט געוויזען און האבען מיט ווייטער שרעקענדיג געשריי בעגלייט דאס שיף איבער א גאנצער נאכט;

נאָך אַ טאָג צו פֿריהער האָבען זיך אונענדליכע, פֿיעל קלײנע שיפֿלעך געװיזען איבער'ן ים, נאָך אַ טאָג צו פֿריהער האָט מען איבער די קאַיוטעס איבער'ן גאַנצען שיף אויסגערופֿען: מאַכט אײך גרײט.

די אַמעריקאַנער פֿאָהן אויפ'ן מאַסט=בוים פֿלאַטערט שטאָלץ איבער דעם ברײטען ים. און די פֿעלקער זענען אַרויס פֿון זײערע געצעלטען אויף דעם אויבערדעק מקבל פּנים צו זײן דעם אַמעריקאַנער באָדען. יעדער אײנער האָט דאָס בעסטע אַרויסגענומען פֿון דעם באָדען פֿון זײן קאַסטען אין דערמיט זיך אויסגעצײכענט. און אויסגעפּוצט אין יום=טוב=קלײדער שטעהען דאָ די פֿעלקער פֿון דער װעלט אויף דעם אויבערדעק פֿון שיף אין זײערע בליקען זענען געװענדט מיט בענקשאַפֿט און ערװאַרטען מיט קלאַפּענדע הערצער דעם אַמעריקאַנער ברעג. דאָ און דאָרט זעהט מען אַ קלײן=רוסישען פּויער מיט זײן רויט העמדיל און שװאַרצען היט שטעהט און קוקט תמ'עװאַטע אויף דאָס װאַסער, נעבען איהם זײן װײב, דריקט צו מיט שרעק און געבעט דעם מעטאַלענעם צלם פֿון איהר האַרץ צו איהרע ליפּען; אַ פּוילישע פּאַרטיע אין איהר רויטען נאַציאָנאַל=קאָסטיום גרופּירט די קינדער אַרום זיך; אַ הויכער ברײטער איטאַליענער מיט זײן רויטען האַלז=טוך און ציקנײטשטען קאַפּעלוש האַלט זײן מאַנדאַלינע אין דער האַנד, ער האָט גאָר נישט צו ברײנגען פֿון זײן רײך לאַנד, נור זײן געזאַנג מיט זײן גיטאַרע צום אַמעריקאַנער באָדען; עס װאַרפֿט זיך דאָס קאָלירטע טוך אויף אַ שפּאַניש שװאַרץ=מײדעלשען קאָפּ אין דעם ים פֿון פֿאַרבען; עס בלײכט זיך אַרויס צװישען דעם ים מענשען=קעפּ אַ בלײך קריסטוס=פּנים, אַרומגערינגעלט אין אַ שװאַרצער באָרד פֿון אַ פּוילישען יודען. דאָ אין דאָרט נעהמען זיך צונויף די רוטענישע פּויערים אַרום אַ צלם, װאָס װײזט זיך איבער זײערע קעפּ, קניהען צו דר'ערד און לאָזען שאַלען איבער דעם ברײטען ים אַ ברינסטיג רעליגיעזעס לויב=ליעד. די קאַטוילישע בעפֿעלקערונג טהוט זיי שוין נאָך: אין צװײטען װינקעל האָבען זיך די פּוילישע פּאַרטיעס און פּויערים צוזאַמענגעקליבען אַרום אַ צלם און אַ קירך=פֿאָהן אין עס הערדערט זיך דאָס מורא'דיגע קאַטוילישע קירכען=ליעד, װעלכעס איז מעהר עהנליך

צו האַרץ=רייסענדע געשרייען, ווי צו אַ ליעד. אין די זון בעשימערט דאָס וואַסער, בעגיסט מיט ליכט דאָס שיף, ברענט צונויף די פאַרבען פון די פערשיעדענע פעלקער אין איין גרויסען קאָלירטען פּאָהן, די געזאַנגען ווערען אויסגעמישט, די ליעדער בריטען איבער'ן ים, די וועלען קלאַפּען הינטער די רעדער פון שיף, און עס ווערט איין גרויסעס, גרויסעס לויב=ליעד צו דעם ברעג, וועלכען אַלע ערוואַרטען מיט בענקענדע בליקען און קלאַפּענדע הערצער.

אַמעריקאַ מקבל פנים זיין איז אויך אונזער הנה=לאה אַרויס מיט אירע קינדער פון דעם שיף=לאָך, אין וועלכען זי האָט זיך אויסגעהאַלטען צוועלף טעג. אָנגעטהון אין איהר שענסטער שבת=הויב מיט דעם נייעם טוך, שטעהט זי דאָ צווישען די פעלקער פון דער וועלט מיט יוסעל'ן ביי דער האַנד, מיט דער „קאָמאַנדע" און רחל'ען. אָנגעטהון יוסעל'ן דאָס שבת'דיגע סאַמעטען היטעל, אָבגעוואַשען איהם דאָס פנים און פערקרייזעלט איהם די פּיאות'לעך, אַז ער זאָל אין די אַמעריקאַנער אויגען חן געפינען; די „קאָמאַנדע" אויך אויסגעפּוצט די קאַפּאָטקעלעך, אויסגעשמירט זיי די שטיוועלעך און רחל'ען פערקעמט די צוויי צעפּעלעך מיט איהר נייעם שבת=קליידעל, — שטעהען זיי דאָ, אונזערע, אונזער בלוט און פלייש, צווישען די פעלקער פון דער וועלט און ערוואַרטען דאָ אויך דעם אַמעריקאַנער ברעג, אויף וועלכען עס געפינט זיך זייער פאָטער, וואו ער איז אַהינגעפאָהרען זוכען פאַר זיי — אַנ'אָבריה און אַ אויפהאַלט.

קיין ליעד זינגט זי נישט, קיין וואָרט זאָגט זי נישט. וואָס זאָל זי ריידען, וואָס זאָל זי זאָגען — וואָס זי וויל, וואָס זי ווינשט אין איהר האַרץ — ווייסט גאָט גאַנץ גוט.

אַזוי שטעהט זי, הנה=לאה מיט אירע קינדער, און ערוואַרט אַמעריקאַ מיט איהר מאַן מאיר'ן. די הויב גלייך זיך געמאַכט אויף איהר קאָפּ, אַז זי זאָל ביי מאיר'ן אין די אויגען חן געפינען, ווי אַ יודישע טאָכטער די האָהר פעסט הינטער דער הויב אַרונטערגעשטופּט — גיט זי אַ וואָרף אַ בליק אויף די קינדער, — וואָס

וועט ער זאגען צו זיי, גיט זי א רוק צוריק א יונג פון דער „קאמאנדע״, וועלכער האט זיך ארויסגערוקט, מאכט גלייך דאס היטעלע אויף יוסעלעס קעפעלע, און גלעט איהם דאס פנים׳ל.

באלד האט זיך דערהערט א גרויסער אויסגעשריי אויף דעם שיף, און די מאסע, ווי איין מענש, האט זיך געגעבען אלאז אראב אויף די קניה און זיך געצלמ׳ט. חנה־לאה האט זיך מיט שרעק געגעבען א קוק אום, זי האט דערזעהן פאר זיך א לייכטענדען דיקען טומאן און פון טומאן האבען זיך ארויסגעשניטען הויכע פייער־עקענדיגע בערג, — עטוואס אזעלכעס, וואס זי האט נאך קיינמאל נישט געזעהן. די מענשען אויפ׳ן שיף זענען געבליבען שטעהן און מיט גרויסע אויגען און אויסגעעפענטע מיילער האבען זיי געהאלטען אין איין קוקען דארט אהין צו די בערג, צו דעם — וואס מען האט נאך קיינמאל נישט געזעהן. נור וואס אמאל איז דער נעבעל שיטערער געווארען, דורכזיכטיגער און לייכטענדער, און פון דעם נעבעל האבען זיך שוין שארף אויסגעשניטען פינף הויכע פייער־עקענדיגע אייזערנע קאסטענס, וועלכע זענען געשטאנען איינם הארט נעבען אנדערן, און האבען געבילדעט ווי א אייזערנע הויכע וואנד אויף דעם ברעג פון ים, וועלכע פערשטעלט אלץ, וואס איז הינטער זיך.

דאס זענען געוועזען די ערשטע וואלקען־קראצערס, וואס שטעהען אויף דעם אמעריקאנער באדען.

דאס שיף איז געווארען פערבליפט און איז געשטאנען ווי איין מענש און געקוקט מיט פערוואונדערונג און נייגיריגקייט אויף דאס מאדנע בעשעפעניש. זיי האבען אויסגעזעהן, די הויכע פייער־עקענדיגע אייזערנע קאסטענס, ווי ווילדע בעשעפענישען, ווי מורא־דיגע לייבען, וואס שטעהען אויף דעם ברעג פון אמעריקא.

דערווייל האבען זיך אדורכגעשניטען איבער דער לענג פון וואסער אונגעהויער־גרויסע ליכטיגע שיפען, וועלכע האבען שרעקליך ווילד געפייפט; פון דערווייטענס האט זיך פערנומען א מורא׳דיג ברומען ארויס פון דעם נעבעל, וועלכער איז געלעגען איבער דעם ברעג, ווי דארט, אין דעם טומאן, וואלט זיך א ים געקאכט, און

דאָס קאָפּענױש ברענט דאָס אַרױס פֿון איהם. דאָס ברימען פֿון דערװײטענס און דאָס שרעקענדיגע פּײפֿען פֿון די לױפֿענדע שיפֿען האָט אַ שרעק אָנגעװאָרפֿען אױף די מענשען. דאָס קירכען־געזאַנג האָט אױפֿגעהערט. דער צלם איז פֿערשװאונדען און אַ גרױסע שטילקײט האָט געהערשט אױפֿ'ן שיף, אַלע האָבען זיך געפֿיהלט צוגעדריקט און קלײן פֿון דער גרױסקײט, װאָס עפֿענט זיך אױף פֿאַר זײערע אױגען פֿון טומאַן אַרױס. נור אײן חנה־לאה האָט נישט מורא געהאַט און איז נישט דערשראָקען געװאָרען. אומעטום איז דאָ גאָט, און זי האָט דאָך שױן איהרס דאָרט אױף יענער זײט נעבעל — דער פֿאָטער פֿון איהרע קינדער איז דאָרט.

דערװײל האָט דאָס שיף אַ גרױסען קרעכץ אָפּגעגעבען, האָט געגעבען אַ גרױסען קראַך אין װאַסער און איז געבליבען שטעהן. צום שיף איז אַ קלײן שיפֿעל צוגעפֿאָהרען, אין אַ פּאָר מינוט אַרום זענען צװײ נײע מענשען אַרױף, אַמעריקאַנער, מיט אַמעריקאַנער פֿעהנדליך אין שטערנדליך אױף די היט, האָבען געגעבען אַ זאָג. און דאָס גאַנצע שיף מענשען האָט זיך געשטעלט אין אַ רײה אײנער נאָכ'ן אַנדערען, זײ האָבען געמאַכט אַ צױם, געשטעלט זיך אין אַלע מענשען פֿון שיף האָבען אָנגעהױבען אַדורכציגעהן פֿאַר זײ.

עס זענען געװען דער אינספּעקטאָר מיט דעם דאָקטאָר פֿון דער אַמעריקאַנער אינקװיזיציע.

די הערצער האָבען אָנגעהױבען צו שלאָגען פֿאַר שרעק, אַלע האָבען זיך גלײך געשטעלט, גלײכגעמאַכט די היט אין די רעק אױף זיך, שטאַרק געמאַכט די אָרעמס, און מיט פֿעסטע טריט האָבען די פֿעלקער אָנגעהױבען פֿאַרבײצוגעהן פֿאַר זײ.

עס זענען געגאַנגען רוטענער, פּאָליאַקען, רוסען, יודען, איטאַליענער, שפּאַניער. יעדער, אײנער אין אײנער, יעדע פֿרױ מיט איהרע קינדער, האָבען געמאַכט שטאַרק זײער אָרעמס אין פֿעסטע זײערע טריט, אַז זײ זאָלען געזונד אױסזעהן. גוט האָבען די אַמעריקאַנער בעקוקט די אָנקומענדע, האָבען געקלאַפּט אױף זײערע בריסטען, געקוקט אין די אױגען אַרײן, אָנגעטאַפּט די הענד, אױב געזונד איז דאָס מענשען־מאַטעריאַל, װאָס ברענגט צו זײ זײערע

הענד אראב, זיי צי בעדיענען, אויב געזונד אין שטארק וועט זיין דער דור, וואס וועט פון די געבוירען ווערען, צו בעזעצען זייער לאנד...

און אז עס איז אנגעקומען די רייה צו הנה־לאה'ן, אז זי זאל זיך אין די איהריגע פאר די אמעריקאנער וויזען, האט זי, ווי יעקב פאר עשו'ן, איהר מחנה צוטיילט: פארוים האט זי געשיקט פאר זיך רחל'ען מיט איהרע צוויי שווארצע שבת'דיגע צעפלעך, — רחל'ע האט הן געפונען — אדורכגעלאזט; נאך איהר איז געגאנגען די „קאמאנדע". אנגענומען זיך ביידע ביי די הענד, האבען זיי מיט זייערע שבת'דיגע שטיוועלעך הויך געשטאפעט אויפ'ן. פאל, אז זיי זאלען געזונד אויסזעהן... בעקוקט די אויגען, דעם האלז, א קלאפ געטהון זיי אויפ'ן רוקען און מיט א צופריעדענער מינע זיי אדורכגעלאזט. דערנאך איז געגאנגען הנה־לאה מיט יוסעל'ן ביי דער האנד (א מינוט צו פריהער איהם געקרייזעלט די פאות'לעך, אז ער זאל הן געפינען). דער דאקטאר האט גענומען יוסעל'ן פאר דער האנד, איהם געקוקט אין די אויגען אריין — יוסעלע האט גע־ציטערט, האט אנגעהאפט די מוטער ביים קאפטען — דער דאקטאר האט איהם אויפגעדעקט דאס קאשקעטעל, געגעבען א קוק אויפ'ן קעפעל, און האט א וואונק געטהין צום אינספעקטאר.

הנה־לאה'ס הארץ האט עפיס שלעכטס אנגעזאגט. איהרע הענד האבען א ציטער געטהין:

— גארנישט, פין לעצטען טיפוס א קראץ אין קאפ, — פער־ענטפערט הנה־לאה.

דער אינספעקטאר האט געגעבען א וואינק צו נאך איינעם. קיין איין ווארט איז נישט געווארען געזאגט, און יענער האט שוין אנגענומען יוסעל'ן ביי דער האנד, און אוועקגענומען איהם אן א זייט.

יוסעלע האט אבער פעסט געהאלטען דער מאמעס קאפטען, זיינע יודישע אויגען האבען א ציטערנדיגען בלאסק געגעבען, די פאות'לעך האבען געציטערט.

— פון לעצטען טיפוס א קראץ אין קאפ געבליבען, — טענה'ט

נאָך חנה-לאה פאַר'ן אינספּעקטאָר אויף יודיש, אָנהאַלטענדיג יוסעל'ן ביי דער האַנד.

קיינער האָט זי נישט געהערט, מען האָט זי באַלד אַוועקגע-שטופּט — אויף איהר אָרט האָבען פעלקער געוואַרט.

— אוי, מאַמעלע קרוין! — האָט די יודענע געגעבען אַ שריי-אויף און איז שוין געווען אין דעם ווינקעל, וואו מען האָט יוסעל'ן אַהינגעפיהרט.

— און וואו זענען מיינע שוואַלבען? — האָט זי געזוכט מיט איהרע בליקען אויף יענער זייט צוים די איהריגע.

נור אויף יענער זייט צוים איז שוין געשטאַנען רחל'ע, ידי „קאָמאַנדע" האָט זי געהאַט נעבען זיך און האָט די מוטער בערי-היגט מיט אַ מאַך מיט דער האַנד, אַז זי קאָן זיך פערלאָזען אויף זיי...

---

דאָס אַכטע קאַפּיטעל.

---

# אויף דער אינזעל פון טרעהרען.

מאיר איז אַראָב צום שיף, אָבנעהמען די זייניגע.

ער האָט געוואַרט אויף דעם טאָג די גאַנצע צייט, וואָס ער האָט זיך געפונען אין דעם פרעמדען לאַנד, און ער האָט זיך צוגעגרייט צו דעם פון דער ערשטער מינוט פון זיין אַראָבקומען קיין אַמעריקאַ, — געגאַנגען אין גאַס, אַנ'איבעריגען טאָלער גע-האַט, געזעהן אין אַ סטאָר אַ קינדער-מענטעלע, אַהיים געקויפט. ביי זיך אין קאַסטען האָט ער אָנגעגרייט אָנצוטהון פאַר דעם ווייב מיט די קינדער. אַראָב פון שיף, אַריין צו מיר אין שטוב, קודם כל אַראָב דעם „גרינעם" אין טהוט אַייך איבער — האָט ער זיך געטראַכט. אַ דירה שוין אויך גרייט, געהאָלפען איהם דינ-גען דער מוהמעס זוהן, אין שכנות מיט דער מוהמע אויף דער דריטער סטריט, אַ קעלער — אַבי זיין אייגען ווינקעל — האָט ער געזאָגט, — און איצט האָט ער זיך אָנגעגרייט זיי פון שיף אַראָבצונעהמען.

געפאָהרען מיט זיי דורך דעם גאַנצען ים, אַלע טאָג אין אָפּים געלאָפען, וואו ער האָט געקויפט די שיפּס־קאַרטע, און נאָכגעפרעגט זיך „ווי דאָס שיף האַלט". פון נעכטען אָן ווייסט ער, אַז היינט 1 אַזייגער נאָכמיטאָג וועט דאָס שיף אַיינלויפען אין „האָבאָקאָן"; דאָרט, ווייסט ער גאַנץ גוט, וועט מען איהם די „זיינינע" נישט אַרויסגעבען — דאָרט לאָזט מען נור אַראָב די ערשט־קלאַסיגע און צוויים־קלאַסיגע, צו די זיינינגע הענט ער מיזען פאָהרען שפּעטער נאָך איסט־אַיילענד. נור דאָרט, ביי די „האָבאָקאָן" וועט ער זעהן זיינע פון דערווייטענס איפ'ן איבערדעק.

אַ נאַכט פריהער איז ער געגאַנגען צו דער מוהמען; איינינגע „לאַנדס־לייט" האָבען איהם צוגעזאָגט, אַז זיי וועלען מיט איהם מיטגעהן צום שיף — און איצט שטעהט ער שוין דאָ צווישען אַ גרויסען עולם ביי אַ פענסטער פון דער גרויסער האַלע ביי דעם ברעג פון ים און זעהט ווי דאָס גרויסע שיף דערנעהנטערט זיך צו דער האַלע צו. לאַנגזאַם געהט עס, שווער, און עס איז אַרומגערינגעלט מיט אַ טומאַן, ווי עס וואָלט געשוועבט דערויף דאָס געהיימנישע פון ים, וואָס האָט מיטגענומען מיט זיך פון אָפּענעם ברייטען מעער, פון וואַנען דאָס שיף שווימט איצט אַהיים. זיין הארץ קלאַפּט אין איהם, דאָס פּנים איז בלייך, און ער האָט זיך שוין איינינע מאָל נערוועז מיט דער האַנד איבער דער באָרד אַריבערגעצויגען. באַלד וועט ער זיי זעהן, די זיינינע, דאָ, וואו ער איז איצט, וואָס ער האָט זיי אין דער־היים איבערגעלאָזט, און איהם האָט זיך אויסגעוויזען, אַז דאָס איז גאָר נישט נאַטירליך, אַז דאָס איז עפּיס אַ גרויס וואונדער, וואָס די השגחה פּרטית האָט מיט איהם געטהון... ער האָט זיך דערמאָהנט אָן חנה־לאה'ן, — ער האָט די אייגען פערקנייטשט, — זי איז דאָך אַ אשה צדקנית, האָט ער זיך געזאָגט, און עס האָט איהם געגעבען אַ נעהם אַרום אַזאַ וואַרים געפיהל, אַז ער האָט זיך פּלוצים פאַר זיך זעלבסט פערשעמט. אַ הייטער שעם־פלעק האָט זיך איהם איפ'ן פּנים בעוויזען, און ער האָט מיט אַ כיון אָן עפּיס זיך פערגעסען געמאַכט....

דאָס שיף פֿאָהרט איצט דערווײַל צו, עס דרעהט זיך ווי
אַ שלאַנג אין וואַסער און בּרומט אויף די וועלען. הונדער-
טער און איבּער הונדערטער מענשען וואַרפֿען זיך צו די אָפֿענע
גרויסע פֿענסטער פֿון האַלע און זוכען מיט די אויגען די זייע-
ריגע; דאָרט, געגענאיבּער אויף יענעם ריעז, וואָס דערנעהנטערט
זיך איצט צו די פֿענסטער, זעהט מען אויף הונדערטער און אי-
בּער הונדערטער וואַרפֿען זיך צו דער זייט פֿון שיף און פֿאָ-
כען מיט די ווײַסע טיכלעך, הייבּען אויף פֿענדליך, רויטע טיכער
און גיבּען צייכענס פֿון דערווײַטענס. אַ מינוט איז נאָך טויט-
שטיל אַרום, נור דאָס שיף קרעכצט אַלץ שווערער, צוגעהענדיג
צום בּרעג, בּאַלד בּרעכען אויף דאָ און דאָרט איינצעלנע אויס-
רופֿען, געוואַלדען, היסטערישע אויסגעשרייען, עס הערקענען זיך
פֿאָטערס מיט קינדער פֿון דערווײַטענס, בּאַלד ווערען די געשרייען
וואָס עפֿטער העכער, און וואָס נעהנטער צום בּרעג אַלץ העכ-
כער שטייגען די אויסרופֿען, בּיז דאָס שיף געהט צו צום בּרעג
און ווערט פֿערטויבּט אין איין גרויסען, גרויסען היסטערישען פֿרייען-
געשריי.

מאיר שטעהט נאָך אַלץ און זוכט מיט די אויגען אונ-
תּהיי און מיט שרעק צווישען די קעפּ, וואָס דרענגען זיך צו
אויף דעם שיף. ער זעהט נישט און הערט נישט, וואָס אַרום
איהם איז — ער שטופּט אַלעמען אָבּ און רײַסט זיך צו צום
פֿראָנט פֿון פֿענסטער און זוכט אַלץ מיט די אויגען. ער זעהט
נישט, ער וואַרפֿט אַלץ אַוועק פֿון זיך — וואָס איז? וואָס איז? —
קלאַפּט ער נערוועז מיט די ליפּען און אַ קאַלטער שווייס האַקט איהם
אַרויס אויפ'ן שטערן. בּאַלד האָט ער בּעמערקט אַ גרופּע קינדער,
ווי זיי שטופּען זיך צווישען דער מענגע צום עק פֿון שיף.
דאָס מיידעל העכער, די יונגלעך נאָך איהר — זענען דאָס זיי? —
ער קוקט, דאָס פּנים ווערט איהם איבּערגעצויגען מיט אַ גרימאַסע
פֿון פֿרייד, אין די אויגען אַ בּלישטש, ער שטרעקט אויס די הענד,
וויל רופֿען און דאָס קול איז איהם פֿערשטיינערט געוואָרען אין
האַלז. בּאַלד קוקען אויף איהם אַ פּאָר גרויסע ליכטיגע אויגען —

חיים איז עס. ער שלאגט זיך אין דער העה: איז עס יא דער פאטער, נישט דער פאטער? — באלד שטעקט ער אויס די הענדטלעך אין באלד האט עס געגעבען א הילך אין דער לופטען: דער טאטע! — און עס האט זיך געדאכט, אז דאס שיף האט א ציטער געגעבען, און מענשען האבען זיך ארומגעקוקט: וואס איז?

עס איז געווען א יונג פון דער „קאמאנדע". חיים, וועלכער איז געשטאנען אויף דער צווייטער זייט אויפ'ן שיף, האט געריסען מיט איין האנד דעם ברודער מיט די שוועסטער, און מיט דער צווייטער האנד געוויזען אויף מאיר'ן, און האט געהאלטען אין איין שרייען:

— דער טאטע! דער טאטע! דער טאטע! — און אזוי הייך, און מיט אזא פייער, אז מען האט געמוזט דעם יונג איינשטילען.

— און וואו איז די מאמע, יוסעלע? האט מאיר אין זיך געפרעגט און געזוכט אליין מיט די אויגען.

אין א פאר מינוט ארום איז ער פון אלעם געוואהר געווארען.

---

ער איז געלאפען איבער דער שטאדט מיט א לאנדסמאן (דער מיהמעס א זוהן) זוכען הילף. מען איז ביי אלע לאנדסלייט געווען, און אלע האבען שוין דעם טאג געוואוסט פון דעם „טראבעל" (צרות), וואס מאיר האט מיט זיינס א קינד. מען איז אין די רעדאקציעס פון די יודישע צייטונגען געלאפען, האט מען זיי אבגעשיקט צו די סאסייטעס. די סאסייטעס צו די לייערס, און דאך האט קיינער גארנישט געקאנט מאכען. צום סוף איז מאיר אליין אויף איסט-איילענד אראב, — לאמיך חאטש זעהן די איבעריגע.

אויף איסט-איילענד, ביי דעם טויער, דורך וועלכען אלע געהען אדורך אין דעם גאלדענעם לאנד אריין, האט זיך געצויגען אנ-אייבינע מענשען-סטענגע פון ברעג ים צו דעם גרויסען פערשטאקינען הויז, דורך וועלכען אלע זענען אדורכגעגאנגען אין

דאָס לאַנד אַריין. ביי פינף אַייזערנע גראַטקעס זענען געשטאַנען אַמעריקאַנער טשינאָווניקעס און האָבען אויסגעפרעגט יעדען פאַרביי־געהענדען: ווי און ווען? — פאַר וועלכען זיי האָבען בעדאַרפט זייער געלד צו ווייזען, און די געזונדע הענד זייערע, וואָס זיי האָבען מיט זיך מיטגעבראַכט. די סטענגע האָט קיינמאָל נישט אויפגעהערט, יעדעס מאָל זענען נייע שיפען צוגעפאָהרען צום ברעג, האָבען נייע מענשען אַרויסגעוואָרפען — און די מענשען, וואָס איינס איז געשטאַנען הינטער דעם צווייטען, האָט זיך געהאַלטען אין איין ציהען. עס זענען געגאַנגען יונגע און אַלטע, ווייבער און מענער, מענשען אין קינדער, עס זענען געגאַנגען פערשידענע פעלקער, נאַציאָנען, אין פערשידענע טראַכטען אין קאָלירען, די שפּראַכען פון דער ערד האָבען זיך געהערט דורך דער סטענגע ריידען, און קיינמאָל, קיינמאָל האָבען זיך די רייהען נישט געענדיגט אין ציהען זיך נאָך ביז'ן היינטיגען טאָג אין ביז צו דער איצטיגער מינוט...

אין אַשרעק ליעגט אויסגעגאָסען אויף די פּנים'ער פון די פעלקער, וועלכע ציהען דורך דעם טויער פון גאָלדענעם לאַנד אַיין. מען זעהט, ווי זייערע הערצער קלאַפען, ווי זייערע הענד ציטערן, אין יעדער איינער רופט אָן דעם נאָמען פון זיין גאָט אין זיין שפּראַך אין בעט אום הילף — און אַלע פיהלען זיך נאָהנט, איין מענש מיט'ן צווייטען. צום ערשטען מאָל הערען זיי די שפּראַך, אין דאָך פיהלט מען זיך, ווי איין גרויסע, גרויסע אימה בינדט צוזאַמען די הערצער פון די פערשידענע מענשען פון די פערשידענע נאַציאָנען אין דער איינער רייה...

מאיר איז אַראָבגעקומען. זיין האַרץ איז געווען פערביטערט אין זיינע ליפען פערקלעמט. ער האָט זיך געחזר'ט אַ גאַנצע רעדע, וואָס ער וועט האַלטען פאַר זיי, פאַר די אַמעריקאַנער. ווי היינט? — האָט ער געשריען אין זיך, — אַז מען זאָל נעהמען אַ קינד פון אַ פאָטער און אַוועקרייסען. אין סדום איז דאָך אַזעלכעס נישט געווען! — שרייט ער אין זיך. ווי היינט,

וואָס זאָל איך טהון, אַריינוואַרפֿען מיין קינד אין וואַסער אַריין, „צוריקשיקען״? —

אין אַ גרויסע שרעק האָט איהם אַרומגעכאַפּט פֿאַר דעם וואָרט. ער האָט מורא געהאַט צו טראַכטען ווייטער, אָבער עס האָט איהם געפּיקט אין קאָפּ דאָס „צוריקשיקען״. אַ קינד אַליין איבער דעם ים, איבער דעם גרויסען ים? —

ער איז געלאָפֿען אַהין, צו דעם יודישען אַדוואָקאַט, וואָס זיצט דאָרט פֿאַר די יודישע עמיגראַנטען. אַ בריעף האָט ער גע־האַלטען אין זיינע הענד אָנגעגרייט פֿאַר איהם פֿון עפּיס אַ סאָסייטי. אַלץ וועל איך איהם זאָגען; וואו איז עס געהערט געוואָ־רען. — אין עס איז דאָך עפּיס אַמעריקאַ, דאָס פֿרייע אַמעריקאַ! אַהינגעקומען צום טישעל פֿון אַדוואָקאַט, האָט ער געזעהן, אַז ער איז נישט אַליין — אַרום דעם טישעל זענען געשטאַנען איינינע גאַליציאַנער יודען און ווייבער און האָבען געמאַכט אַ וועלכע געוואַלדען, — אַמעריקאַ, פֿערשאָלטען זאָל ווערען קאָלומבוס און זיין מדינה! — אַ יודענע איז געשטאַנען און האָט געוויינט: מען לאָזט איהר די טעכטער נישט אַריין, אין עפּיס אַ יונגער־מאַן האָט זיך געקלאָגט וועגען אַ כלה, און אַלע האָבען געשריען איבער דעם יונגען־מאַן דעם אַדוואָקאַט, אַז ער זאָל צולאָזען זייערע משפחות. דער יונגער־מאַן איז רוהיג געזעסען און האָט זיך גלייכגילטיג איינגעהערט די געוואַלדען פֿון די יודען מיט די ווייבער און רוהיג זיך עפּיס פֿערשריבען אין אַ ביכעל אַריין. מען האָט אַיינגעזעהן, ער איז געוועהנט געווען צו דעם.

מאיר האָט זיך דערשלאָגען צו איהם און האָט איהם איבערגעגעבען דעם בריעף פֿון דער סאָסייטי.

דער יונגער־מאַן האָט גאַנץ גלייכגילטיג דעם בריעף אַדורכגעלעזען (ביי מאיר'ן האָבען געציטערט הענד און פֿיס), דערנאָך גענומען דעם בריעף און איהם גלייכגילטיג איפּ'ן טיש אַוועקגעלעגט, געגעבען אַ נעהם אַראָב די פֿענסנע פֿון דער נאָז, אַ פֿינקעל מיט די איגען און אַ ציה אויף מיט די פּלייצעס.

— איך קאָן גאָר נישט טהון.

— אָבער אַקינד, אַקינד, אַקינד, — האָט מאיר אַרויסגע־דיסען די ווערטער פון צווישען די ציינער, וועלכע האָבען זיך געשאַרפט איינס צווישען אַנדערן.

דער יונגער־מאַן האָט אַציה געגעבען מיט די פּלייצעס.

— אַנ'אַפּעלאַציע נאָך וואַשינגטאָן קאָן מען שרייבען, — האָט דער יונגער־מאַן געזאָגט.

מאיר האָט נישט געהערט זיינע ווערטער, נור ער האָט געשריען:

— אָבער זעהן זיך, זעהן זיך, זעהן זיך, — האָט ער ווידער געקריצט מיט די ציינער.

— דאָס יאָ, האָט דער יונגער־מאַן געענטפערט, זיך אויפגעהויבען און האָט ערגיץ־וואו געפיהרט מאיר'ן.

מאיר איז נאָכגעגאַנגען נאָך איהם אויף טרעפּ. ער האָט איהם אַריינגעפיהרט אין אַשטיב אַריין און געהייסען איהם וואַרטען.

באַלד האָט מען געגעבען אַפיהר אַריין צו איהם חנה־לאה'ן.

אַסעקונדע האָבען זיך ביידע נישט דערקענט. באַלד האָט די יודענע געגעבען אַזאַ האַרץ־געשריי: מאיר, און האָט גע־געבען אַבוך אַרויס אין אַזאַ געוויין, אַז מאיר'ן האָט דאָס האַרץ פערקלעמט.

ער איז צוערשט בייז געוועזען אויף איהר איבער איהר פינסטער מזל, נור עס האָט איהם איצט אַזאַ טיעף רחמנות־געפיהל אַרומגענומען אויף די אומגליקליכע יודענע, דאָס האַרץ איז איהם אַזוי צוגאָסען געוואָרען, אַז ער האָט אויף גאָר נישט געקוקט, נור ער איז צוגעגאַנגען צו איהר און האָט געמאַכט מיט דער האַנד איבער איהר פנים, איבער איהר צורודערט שייטעל, איבער איהר קאַפּטען, און האָט די ליפּען געביסען פאַר צער און האָט קיין וואָרט נישט גערעדט.

און זעה, חנה־לאה שטעהט אַזוי און נעהמט צו די לאַפּקעס פון מאַן, וואָס זי האָט קיינמאָל, קיינמאָל פון קיינעם נישט געהאַט, און איהר האַרץ געהט איהם אין חליפּען.

— איך ווייס, איך בין שולדיג, — חליפעט די יודענע אין טרעהרען, — מאיר, מיין שווארץ פינסטער מזל איז אזוי... איך בין שולדיג, איך בין שולדיג, — שלאגט זיך די יודענע מיט די הענד איבער'ן קאפ.

און מאיר שטעהט אליין און מאכט איהר מיט דער האנד איבער'ן פנים, און איבער דעם צושויבערטען שייטעל, און איבער דעם קאפטען.

— וואס ביזטו שולדיג? — נארישע יודענע, וואס ביזטו שולדיג? — און פערשטעלט זיך מיט דער האנד די אויגען.

איין מינוט זענען זיי ביידע אזוי געשטאנען פערגעסען פון אלעם, פעראייניגט אין איין גרויסען צער און מיט פיעל רחמנות — און אפשר איז עס געווען די איינציגע מינוט אין זייער ביידענס צוזאמען-לעבען...

— און וואו זענען די קינדער? — האט זיך מאיר באלד דערמאהנט.

— איך ווייס? — האט חנה-לאה שולדיג געענטפערט.

נור באלד האט זיך די טהיר געעפענט און מען האט זיי אריינגעפיהרט די קינדער, און אז די „קאמאנדע" האט דערזעהן דעם פאטער מיט דער מוטער, האבען זיי פערגעסען אן אלעם, און עס איז געווארען דארט אזא געשריי און אזא שמחה און אזא געוויין, אז די בעאמטע זענען זיך געקומען צוזאמענצולויפען פון די ארימיגע צימערן זיי בערוהיגען. אבער חנה-לאה האט אליין געהאלטען אין איין געוויין און געשלאגען זיך מיט די פויסטען אין קאפ.

— יוסעלע, יוסעלע, מיין ארים קינד!

מאיר האט זיך גענעבען א האפ-אויף, האט געלאזט אלץ שטעהן, האט גענעבען א לויף אראב די טרעפ און איז צו צו דעם יונגען-מאן, צום אדוואקאטעל, האט געגעבען א נעהם ארויס דאס געלד, וואס ער האט געהאט ביי זיך, און געגעבען א ווארף פאר דעם יונגען-מאן איפ'ן טיש און האט געגעבען א געשריי:

— איך וויל, איהר זאלט מיר שרייבען א בריעף צום כא...

פּרעזידענט, און איהר זאָלט איהם זאָגען, אַז דאָס איז, אַז דאָס איז — — —

נור גאָר האָט נישט געקאָנט קיין וואָרט ווייטער פון מויל אַרויסברענגען.

דער יונגער־מאַן האָט געגעבען אַ קוק־אויף און האָט זיך מיט שרעק אָבגערוקט פון איהם. זיין געזיכט איז בלייך געוועזען ווי אַ ליילעך, נור זיינע אויגען האָבען געפינקעלט און די בלייכע צייהן האָבען זיך איבערגעביסען איבער די ליפּען, און דער ייד האָט אַליין נישט געקאָנט אַרויסברענגען פון מויל קיין וואָרט אויף דעם, וואָס איז איהם געשעהן, נור איבער זיין פּנים איז געלעגען אויסגעגאָסען אַזאַ צער און אַזאַ כעס, אַז דער יונגער־מאַן האָט גאַנץ גוט געוואוסט, וואָס עס איז דעם ייד געשעהן, און האָט אָנגעהויבען מורא צו קריגען פאַר איהם....

---

## דאָס נײַנטע קאַפּיטעל

---

# יאָסעלע.

יאָסעלע איז דערווייל געזעסען אין אַ גרויס צימער צווישען אַ סך מענשען און האָט געוואַרט אויף די מוטער. ער האָט נישט געוויינט, ער האָט נישט די מאַמע צוריקגעהאַלטען, אַז מען האָט זי גערופען, — ער האָט געשוויגען. פון דער ערשטער מינוט אָן, ווען עס האָט זיך מיט איהם דאָס אומגליק געטראָפען, האָט ער גאַנץ גוט פערשטאַנען, וואָס איז געשעהן מיט איהם און האָט זיך געפינען שולדיג אין עפּיס אַ פערבאָרגענער זינד. עס האָט זיך דערוועקט אין דעם קליינעם ייד די גאַנצע הכנעה און געדולדיגקייט, מיט וועלכע זיין פאָלק טראָגט איבער זיינע צרות, — און ער האָט זיך געפונען מוכן ומזומן צו די צרות, אַזוי ווי זיינע עלטערן און אור־עלטערן פון אַלע דורות וואָלטען פאַר איהם אַ וועג אויסגעטרעטען. שווייגענדיג און בעהאַלטען אין זיך, איז ער געזעסען ביי זיין מוטער, ווי אַ דערוואַק־

סענער, דענקענדער מענש, גלייך ווי ער וואָלט די אַלע זאַכען פילאָזאָפיש גענומען, און האָט נור אייגענטליך פערדריס געהאַט דערפון, וואָס מ'האָט די מאַמע אַזעקגעריסען פון זיינע ברידער און די שמחה פון זעהן־זיך מיט'ן טאַטען איז צוליעב איהם פער־שטערט געוואָרען.

אין די שטוב, אין וועלכער ער האָט זיך געפונען, האָט געהייסען אויפ'ן לשון פון פאָלק „די אינזעל פון טרעהרען". און עס איז ווירקליך דאָרט געווען די טרעהרען־אינזעל. אין דעם צימער האָבען זיך אויפגעהאַלטען די אַלע, וועלכע זענען געווען פעראורטיילט צוריקגעשיקט צו ווערען מיט די שיפען, וועלכע האָ־בען זיי געבראַכט, אָדער איבער וועלכע מען האָט נאָך געפיהרט אונטערהאַנדלונגען מיט וואַשינגטאָן. מעהרסטען זענען דאָרט גע־ווען עלענדע, פעריתומ'טע מענשען, וועלכע האָבען נישט געהאַ־בען קיין גואל, קיין קרוב, וועלכע זאָל זיי פון שיף אַראָפּנעהמען; אָדער גאָר עלטערע מענשען שוין, אָדער גאָר יונגע נאָך, וואָס האָבען מיט זייערע אייגענע קערפּערס, מיט זייערע אייגענע הענד, מיט זייער אייגענעם כח נישט געקאָנט אויסזאָגען פאַר זיך אַליין, און האָבען בעדאַרפט האָבען אַן'אייגענעם מענשען, וועל־כער זאָל זאָגען, אַז ער וועט זיי נעהמען צו זיך — און זיי האָבען אַזעלכען נישט געפונען — ווייל פרעמד זענען זיי גע־ווען אין דעם לאַנד. און זיי האָבען אויסגעזעהן, ווי „רעשט־לעך", ווי עס וואָלט פאָרגעקומען אַ גרויסע חלוקה פון מענשען צווישען איירופּא און אַמעריקאַ, און אַ „רעשטעל" איז איבערגעבליבען צווישען די שיפען, ווי קערנדליך גערשטען, וועלכע וואַלגערן זיך ביי די ברעגען פון די פּאָרטען אַרום, ווען מען טראָגט איבער תבואה פון איין שיף אויף דאָס צווייטע...

עס זענען געווען אַזעלכע, וועלכע האָבען נאָך געהאַט אַ האָפנונג, אַז מען וועט זיי אַריינלאָזען אין לאַנד. זיי האָבען געהאַט די אייגענע ווייט אין דער מדינה, און מען האָט געשריבען נאָך זיי. זיי זענען געווען גליקליכער, רייכער פאַר די אַנדערע, און האָבען שוין יענע צוגעזאָגט הילף. אַז גאָט וועט העלפען, מען וועט זיי אַרויס־

לאָזען, וועלען זיי זיך זעהן סטאַרען, אַז די איבעריגע זאָל מען איך אַריינלאָזען. דערהייפּט איז דאָרט געווען אַן עלטערע „גהמע", וואָס האָט געדאַט אַ פּלימעניק אין טשיקאַגאָ. דער פּלימעניק האָט געזאָלט זיין גאָר אַ גאַנצער מאַכער און אַ גאַנצער אַמעריקאַנער. „זאָל ער נור קומען — האָט זי געזאָגט — וועט ער שוין אַלע אַריינעמען". און יעדען מענשען, וואָס זי האָט בעגעגענט אין קאָרידאָר, ווען מען האָט זי עסען געפּיהרט אין גרויסען שפּייזזאַל, האָט זי געפּרעגט איף איהר פּלימעניק, צי ער פאָהרט שוין — גלייך ווי יעדער איינער וואָלט בעדאַרפט קענען איהר פּלימעניק פון טשיקאַגאָ, וואָס איז אַ גאַנצער מאַכער און אַן אַמעריקאַנער. די אַנדערע זענען געזעסען שטיל. די אַלטע יידען, וואָס האָבען נישט געקאָנט געפינען זייערע קינדער, זענען געזעסען און האָבען תהלים געזאָגט, די ווייבער האָבען געוויינט, און די קינדער, וואָס האָבען זיך דאָרט געכגנען, האָבען זיך שטיל אין די ווינקעלעך בעהאַלטען. איף אַלע איז געלעגען די פּלוך פון אַן „אַריסגעשטויסענעם". און עס האָט איבער זיי געשוועבט די פורכט פאַר דעם ים — וואָס זיי שטעהט פאַר צוריק אַריבערצופאָהרען, און די היימאַט-לאָזיגקייט.

— מיר איז קיין חלאָק נישט, זאָלען זיי מיך אפילו שיקען קיין גושן, איז מיר שוין איך אַלץ איינס! צו וועמען וועל איך פאָהרען, וועמען האָב איך אין דער-היים?— האָט אַ יידענע גע'דרשע'נט פאַר די אַנדערע.

— אוי, אַ היים — האָט זיך אַ צווייטע געקלאָגט, — אַז דו האָסט, מישטיינס געזאָגט, דאָס ביסעלע בעטגעוואַנד גענומען און פערקויפט און אין דער ווייטער וועלט זיך געלאָזט!

— איך האָב דיר באַלד געזאָגט, אַז דו זאָלסט נישט פאָהרען. שרה, פאָהר נישט! דער יונג איז ערגיץ-וואו פערפאַלען געוואָרען. ער האָט פאָטאָגראַפיעס געשיקט, ווייס איך, ווער גלייבט זיי?—האָט דער ייד פון תהלים מפסיק געווען און געזאָגט. אין טאָן, ווי ער וואָלט איננאַנצען אין אַמעריקאַ מסופק געווען, אויב עס איז גאָר דאָ אַזעלכעס אויף דער וועלט.

— און בעטגעוואַנד איז שוין אַלץ? — מישט זיך אַ דריטע אַרײַן.

— וואָס בעטגעוואַנד! און אַ שטוב האָט ער יאָ? און וואו דעם קאָפּ אַוועקצולייגען האָט ער יאָ? און צו וועמען וועט ער געהן? — ווייזט זי. איך דעם מאַן — ווי פאַר זיך וואָלט זי געווען פאַרזאָרגט.

ווי די ווייבער ריידען אַזוי צווישען זיך, האָט זיך דערווייל יאָסעלע געפונען אַ חבר. דאָס איז געווען אַ יונגעל אין זיינע יאָהרען, וועלכער האָט זיך אויך דאָרט אין דער שטוב אַרומגעדרעהט. ער האָט שוין אייניגע מאָל געוואָלט צוגעהן צו יענעם און יענער צו איהם, און האָבען זיך ביידע אַרומגעדרעהט מיט אַ געוויסער שעמעוועדיגקייט און געשוויגען. צום סוף זענען זיי דאָך באַקאַנט געוואָרען, האָבען זיך ביידע ביי די הענד אָנגענומען, אין אַ ווינקעל זיך געזעצט און ווי די גרויסע אָנגעהויבען צו ריידען.

— מען שיקט דיך אויך צוריק?

— יאָ, און דיך?

— איך.

— פאַרוואָס?

— מען זאָגט, אַז איך האָב שלעכטע אויגען.

— און מיר איז פון לעצטען טיפוס אַ קראַץ אין קאָפּ געבליבען, — און יאָסעלע נעהמט אַראָב דאָס היטעל און ווייזט דאָס קעפּעל.

— דו האָסט אַ טאַטען דאָ?

— יאָ, און דו?

— איך בין אַ יתום, איך ביי צו אַ פעטער אַראָב — ענטפערט דער צווייטער.

יאָסעלע האָט גרויס דרך־ארץ געקראָגען פאַר'ן צווייטען יונגעל, ווייל ער איז אַ יתום, און האָט זיך געהאַלטען נידעריגער פאַר איהם. זיי האָבען זיך באַלד אַוועקגעזעצט און, אַזוי ווי צוויי געטרייע קינדער פון זייער פאָלק, האָט זיך קיין שמייכעל אויף זייערע ליפּען נישט געוויזען, איז די יוגענד פון זייערע געזיכטער אויסגעשטאָר-

בען, נור ווי קלוגע, אַלטע דערוואַקסענע מענשען זענען זיי גע־
זעסען און איינער פאַר'ן צווייטען דאָס האַ"ץ איסגעגאָסען.

באַלד איז אַריינגעגאַנגען יאָסעלע'ס מאַמע. איהרע טרעהרען
זענען נאָך געווען פריש און זי האָט מיט נאַסע אויגען אַ צערט־
ליכען רחמנות־בליק געוואָרפען אויף יאָסעלען. יאָסעלע האָט פער־
שטאַנען זיין עלענד, זיין אומגליק אין זיין שלים־שלים־מזל — אַלץ
איבער איהם... אַלץ איבער איהם... און האָט זיך געפינען
שולדיג, — גלייך ווי ער וואָלט דאָס אַלץ אָנגעמאַכט...

---

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז צוריקגעקומען די בעשטימונג פון
וואַשינגטאָן; עס האָט גאָרנישט געהאָלפען— יאָסעלע האָט געמוזט
מיט'ן נעכסטען שיף צוריקפאָהרען.

די פאַמיליע איז געשטאַנען צוזאַמען. אַלע האָבען געשוויגען,
און אַלע האָבען געוואוסט, וועגען וואָס עס געהט, חאָטש מען האָט
דערפון קיין וואָרט נישט גערעדט. עס האָט זיך געהאַנדעלט אים
דעם: ווער זאָל יאָסעלע'ן אַהיים בעגלייטען?

די מוטער האָט דאָך בעדאַרפט צו בלייבען מיט די איבעריגע
קינדער; מען איז דאָך שוין פאָרט דאָ.

די מוטער האָט געוויינט:

— איך וועל נישט לאָזען דאָס קינד אַליין — עס וועט מיר
פערפאַלען ווערען; איך וועל עס נים לאָזען. איך וועל אַליין אין
מיטען ים איבערלאָזען און וועל מיט'ן קינד מיטפאָהרען.

האָט זיך רחל'ע אָנגערופען ווי אַ דערוואַקסענע:

— אויף וועמען וועסטו די קינדער לאָזען? דער טאַטע מוז
דאָך געהן אַרבייטען, בלייב שוין, בלייב שוין דאָ. איך וועל פאָה־
רען! — און האָט זיך דאָס טיכעלע גלייך געמאַכט אויפ'ן קאָפּ,
ווי עס וואָלט זיך געהאַנדעלט וועגען געהן אַ גאַנג צום פעטער.

מאיר האָט געשוויגען און האָט נור געקוקט אויף רחל'ן.

די מוטער האָט ווייטער געוויינט.

— ווי וועל איך דיך אַליין לאָזען? ביזט דאָך אויך נאָך
אַ קינד, איבער אַ ווייטען ים — ווי וועל איך דיך אַליין לאָזען?

— גיב נור אַקיק! איך וועל מיר שוין אַן עצה געבען, איך וועל מיר שוין, — ענטפערט רחל'ע און מאַכט זיך ווידער צורעכט דאָס טיכעל אויפ'ן קאָפּ, גלייך ווי זי וואָלט שוין גרייט געווען צום פאָהרען.

— מיין אָרים קינד, מיין אָרים קינד, — פאַלט די מוטער אַרויף אויף איהר.

און רחל'ע צוקושט זיך מיט דער מוטער אין טרעהרען, ווי זי וואָלט שוין אַנ'אַלטע יודענע געווען. דער פאָטער האָט גאָרנישט געזאָגט. ער איז געשטאַנען, געקוקט און די ליפּען זיך געביסען.

---

און אַז מען האָט יאָסעל'ן צום שיף צוגעפיהרט, אויפ'ן שיף איהם אַרויפצוזעצען, האָט ער גאָרנישט געזאָגט, גלייך ווי ביי דעם קליינעם י״ען וואָלט דאָס האַרץ פערשטיינערט געוואָרען. שווייגענדיג, האָט ער פערנומען דעם פאָטער'ס קושען, שווייגענדיג האָט ער געפיהלט דער מוטער'ס וואַרימע טרעהרען רינען אויף זיין קאָפּ. ער האָט גאָרנישט געזאָגט, ער האָט זיך געפיהלט שולדיג, שולדיג אין אַלץ. מילא, ער איז פערפאַלען, נור ער שלעפּט רחל'ן מיט זיך מיט... ער האָט נישט געקוקט אויף זיין שוועסטער. ער האָט גוט געוואוסט און פערשטאַנען — וואָס עס איז פאַר די שוועסטער איצט צו פערלאָזען אַלץ און צוריק-פאָהרען מיט איהם. ער האָט געשוויגען, געשוויגען און דאָס קעפּעל געבויגען צו דר'ערד.

דאָך, אַז ער איז אַרויף אויפ'ן בריקעל, וואָס פיהרט צום שיף, און האָט זיך אומגעקוקט און דערזעהן די מוטער מיט'ן פאָטער, האָט זיך זיין קינד אין איהם דערוועקט און ער האָט פּלוצים אָנגעהויבען צו וויינען:

— מאַמע!

און דאָס איז אַלץ נישט-פּאַסענד געווען פאַר דעם אַכט-יעהריגען ייד.

## קאַפּיטעל צעהן

# יודיש רחמנות.

די נאַכט איז געלעגען אַ שוואַרצע איבער'ן ים. זי האָט אַלעס אַריינגענומען אין זיך און פערהוילען פון מענשענ'ס אויגען. דאָס שיף איז אַליין געשוואַנגען איבער'ן ים. קיין מענש האָט זיך דערויף נישט געוויזען, אַזוי ווי די מענשען וואָלטען עס איבערגעלאָזט אויף גאָטעס גנאָד, אַז עס זאָל זיך אַליין זיין וועג אין דער פינסטער אויסשניידען. אַ געדיכטער נעפעל איז געפאַלען איבער אַלץ און האָט אַלץ פייכט געמאַכט. דאָס גאַנצע שיף איז דורכגעווייקט געווען. דעם ים האָט מען נישט געזעהן — ער איז געלעגען פערהוילען אין דער שוואַרצער נאַכט אַרום. מען האָט נור פערנומען זיין שווער עטהמען פון דער נאַכט אַרויס. דאָס איז געווען אַ שרעקליך ברומען פון די וועלען, וועלכע מען האָט נישט געזעהן — מען האָט נור געהערט זייער גיסען זיך איינס אין דאָס צווייטע אַריין דאָרט אין דרויסען, אין די נאַכט. און דאָס האָט נאָך מעהר געשראָקען, און אָנגעזאָגט עפּיס אונהיימליכעס, ווי עס וואָלטען דאָרט, אין דרויסען שרעקליכע לעבעדיגע ים-בחאים געלעגען, געשיבען איינס דאָס צווייטע און אונהיימליך געברומט.

אין אַזאַ נאַכט האָט זיך קיין לעבעדיג נפש נישט געוויזען. די מוזיק שפּיעלט אין ערשטען קלאַס, און דאָרט, אין ליכטיגען עלעגאַנטען זאַל איז פערזאַמעלט דאָס ערשט-קלאַסיגע פּובליקום, אָנגעטהאָן אין באַל-קלייד און פראַק. בריליאַנטען און פּערל-בלישטש געגענאיבער דעם עלעקטרישען ליכט, די פיינע זיידענע שפּיצען שאָמען זיך אַרום די פיס פון די שיינע דאַמען און שימערן ווי דער שוים פון ים אויפ'ן ברעג שטראַנד... דער קאַוואַליער פיהרט די דאַמע צום טאַנץ, צום קלאַנג פון אַ עלעגאַנטען ווינער וואַלצער, וואָס זיינע אַבגעריסענע טענער פערבלאָנדזשען אַהער און ווערען פערלאָרען אין דעם געברום פון די גיסענדע וועלען אין דרויסען, אין ים, וואָס ליעגט פערהוילען אין דער טונקעל-שוואַרצער נאַכט.

פופצעהן מעטער הינטער דעם העל-בעלויכטענעם זאַל, פֿון וואַנען עס פֿערנעהמט זיך איצט די מוזיק, אין אַ טינקעל ווינקעל פֿון אַ לאַנגער נידריגער קאַמער — העלפֿט אויף טאַפּטשאַנען, העלפֿט אויף דר'ערד איז איצט פֿערזאַמעלט אַ קליינער עולם. אויפ'ן טיש לייכט זיך אַ שטיקעל ליכט. אַ פּאָר דאָמינעס זענען צעוואָרפֿען, דערביי אַ גלאָז און איבערגעבליבענע שטיקלעך עסען. אויף אַ ווינקעל טיש שרייבט ווער אַ בריעף און קיינער בעמערקט איהם נישט. דער עולם איז איצט פֿערנומען מיט אַ ערנסטען געשפּרעך.

אַ הויכער שוואַרץ בעוואַקסענער מענש מיט טונקעלע אויגען און זעהר שאַרפֿע טינקעלע ברעמען דערצעהלט און אַלע האָרכען זיך איין מיט אויפֿמערקזאַמקייט. וואָרום ביז איצט האָט ער געשוויגען און קיינער האָט נישט געוואוסט, ווער עס איז — האָטש די אַלע רייזענדע פֿון שיף האָבען זיך שוין געהאַט בעקענט פֿון ערשטען טאָג אָן. און ער דערצעהלט גאָר וואונדער.

אויסגעוועזען איז ער שוין די גאַנצע וועלט. אַפֿריקאַ קען ער ווי זיינע פֿינף פֿינגער און דאָרט, וואוהין אַ יוד פֿאָהרט נור, איז ער שוין דאָרט געוועזען. און דאָך פֿערלאָזט ער דאָס אָרט און פֿאָהרט אוועק, און נישט, ווייל עס געהט איהם שלעכט — אימעטום וואָלט ער זיין שטיקעל ברויט געקאָנט פֿערדיענען — נור ער קאָן זיך קיין אָרט נישט געפֿינען. „עס בינדט איהם נישט צו" — זאָגט ער — קומט אויף אַן אָרט, קוקט זיך אַרום, קריגט אַרבייט און איז אָב אַ חדשים צוויי-דריי, אַ האַלב יאָהר, און נעהמט באַלד דאָס פּעקעל און — הײַדאַ, ווייטער. און אַזוי פֿון קליינערהייד אָן. ער איז נאָך אַ קינד געוועזען, ווען ער איז פֿון דער-היים אַוועק. אוי, ער וואָלט שוין געוועזען ראָטשילד, ווען ער וואָלט אויף איין אָרט איינגעזעסען, נור ער קאָן נישט, עס לאָזט איהם נישט. איצט פֿאָהרט ער צוריק קיין רוסלאַנד, אין דעם קליינעם שטעדטיל אַריין, פֿון וואַנען ער קומט אַרויס. ער פֿאָהרט אויף קבר-אבות, ער וויל דעם פֿאָטער'ס און דער מוטער'ס קברים זעהן. דער פֿאָטער איז איהם צו חלום געקומען, דאָס ער זיך דערוואוסט, אַז דער פֿאָטער איז טויט. נ. ג. ווייסט ער נישט, צי וועט איהם רוסלאַנד צוריק

אַריינלאָזען, — צום מיליטער-דיענסט. איז ער נישט געקומען — שטעלט ער זיך דאָס לעבען איין. ביים פּאַטער'ס קבר מוז עס דאָך זיין — עס לאָזט איהם נישט רוהען.

אַלע האָבען איהם אויסגעהאָרכט אויפמערקזאַם און מיט אַ ביסעל פאָרכט געקוקט אויף זיינע שוואַרצע ברעמען — גלייך ווי אין זיינע שוואַרצע אויגען וואָלט געלעגען אַ טראָפּען פון דעם אומענדליכען גרויסען ים, וואָס גיסט זיך פון איין עק וועלט צום אַנדערען, וואָס ער וואַלגערט זיך איבער זיינע ברעגען אַרום.

— אין אַפריקאַ אויך געוועזען? פרעגט אַ יודענע פון אַ ווינקעל אַרויס.

— געוועזען, — ענטפערט אָב דער שוואַרצער אויף זיכער.

— דאָרט האָב איך אַ זוהן, — זאָגט די יודענע, — איהר האָט איהם נישט געזעהן?

— אודאי איהם געזעהן — נור ווער קאָן וויסען, — ענטפערט דער פרעמדער אויף געוויס.

— אין ארץ-ישראל אויך געוועזען? פרעגט אַן אַלטער יוד פון אַ ווינקעל אַרויס, וועלכער פאָהרט פון אַמעריקאַ שטאַרבען אין ער-היים.

— געוועזען, — ענטפערט אָב דער פרעמדער.

און דער מאַמע רחל'ס קבר געזעהן?

— דאָרט געוועזען, שטיינדעלעך פון קבר אַראָבגענומען — ווייזט דער פרעמדער, און נעהמט אַרויס פון הינטער דער וועסט אַ זעקעלע מיט ערד, וואָס ער טראָגט אויפ'ן האַרצען.

— אָהאַ, — בעקוקען אַלע.

— כ'לעבען, גלייכער ווי קיין אַמעריקאַ פאָהרען, — קרעכצט דער אַלטער יוד, — הלואי וואָלטען מיינע ביינער די זכיה געהאַט דאָרט צו ליגען, אַז שוין יאָ איבער'ן ים געפאָהרען.

— איך טראָג עס שטענדיג אויפ'ן האַרצען, — ווייסט נישט, וואו די וועסט ליגען: אין דער פרעמד, צווישען גויים קאָנסטו שטאַרבען. דאָס — ווייזט ער אויפ'ן זעקעלע — זאָל מען דיר שטעג-

דיִ אויף די אויגען לעגען — איז עס גלייך, ווי דו וואלסט אין ארץ־ישׂראל געלעגען.

— אוי, איז עס וואהר, אוי, איז עס וואהר, — הלואי וואלט איך עס געהאט, — כ׳לעבען, א ביסעלע מעהר ווי אין אמעריקא געוועזען — קרעכצט דער אלטער ייד, וואס פאהרט אהיים שטארבען, — צוועלף יאהר ביי מיין זוהן אין אמעריטשקע געוועזען — אין גאלדענע רינגען האט ער מיך אנגעהאנגען, א גאלדענעם שטעקען מיר געגעבען, צי דען אבער דערמיט (ווייזט דער ייד אויף די רינגען מיט׳ן שטעקען) וועט מען מיך בעגראבען?

— אז דו וועסט איהם בעטען, וועט ער דיר אפשר א ביסעלע שטיינדלעך געבען, — זאגט די אלטע יידענע, וואס זיצט נעבען איהם, זעהט זיך אוים — זיין ווייב.

— וואס? אזא מתנה — עס איז דאך טייערער פון בריליאנטען און פעריל, — דאס אוועקשענקען? — זאגט א יידענע נעבען בארט.

— עס קאסט דאך נישט קיין געלד, ווער עס וויל — קאן עס דאך נעהמען.

— מען דארף אבער דארט זיין.

עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז דער פרעמדער איז דאך געוועזען געזידערט פון אלטען אין האט איהם א ביסעלע ערד אבגעלאזט פון זעקעלע. דער אלטער ייד האט עס צוגענומען, איינגעבונדען עס זיך אין ארבע־כנפות און מיט אזא דאנקבארקייט געקוקט אויף דעם פרעמדען, אז טרערען האבען זיך געוויזען אין זיינע אויגען.

— אפשר איז מיין פאטער אויך אזוי געווען, — זאגט דער פרעמדער, — איך האב דאך מיין פאטער נישט געזעהן! אז איך זעה אזאלטע יידען, דאכט זיך מיר, אז עס איז מיין טאטע.

— און איך וויל מיין „היימאטס־לאנד" נישט פערלירען, וואס עס וועט זיין, דאך א היימאטס־לאנד.

אלע האבען זיך ארומגעקוקט, ווער וויל דאס נישט זיין „היימאטס־לאנד" פערלירען. עס איז געווען א יונגער־מאן, וואס

האָט געזאָגט די ווערטער. ער האָט געוויזען אויף זיך מיט דער האַנד און געזאָגט נישט אָהן אַ פּאָזע, — האַטש איך ווייס, מען וועט מיך צו די סאָלדאַטען נעהמען, דאָך פאָהר איך אַהיים, איך וויל מיין היימאַטס־לאַנד נישט פערליערען.

— מילא, היימאַטס־לאַנד, איך וויים גאָר נישט אויב מען וועט מיך אַריינלאָזען אין מיין „היימאַטס־לאַנד" אַריין.

— פאַרוואָס זאָל מען אייך נישט אַריינלאָזען?

— איך האָב דעם פּאַס איבערגעגעבען אַנאַנדערן — איצט שיקט מיך אַמעריקאַ צוריק.

— וואָס, מען וועט דיך נישט אַריינלאָזען? נור ווער הען זאָל דיך צוריקנעהמען, דו ביזט דאָך אַ רוסישער?

— אַ קשיא אויף רוסלאַנד.

דאָ האָט זיך עפּיס בעוואויגען אין אַ ווינקעל. אַ מיידעלע פון אַ יאָהר צוועלף איז צוגעגאַנגען צום קיפּקעלע מענשען, זיך איינגעהאָרכט און אירע שוואַרצע אויגען האָבען מיט שרעק אָנגעהויבען אַרומציקקען די מענשען, — זי האָט זיך שוין אָנגעהויבען ערנסט צו צוהאָרכען צו די רייד, און אָנגעהויבען אויסצופרעגען אַ יודענע, וואָס איז געזעסען נעבען איהר, וועגען דעם, וואָס מען רעדט דאָ.

— וואָס? מען וועט נישט צוריק אין רוסלאַנד אַריינלאָזען — האָט דאָס מיידעל געפרעגט און אין אירע אויגען איז אַ שרעק געלעגען און אירע ליפּען האָבען געציטערט.

— וואָס איז דען? פרעגט די יודענע.

— מען שיקט צוריק מיינם אַ ברודעריל — איך פאָהר מיט איהם צוריק; וואָס זאָגט דער יוד, מען וועט נישט צוריק קיין רוסלאַנד אַריינלאָזען?

— און אַ פּאַס האָסטו? — פרעגט די יודענע.

— אַ פּאַס, — שטאַמעלט רחל'קע, — און פערליערט זיך נור אויף איין מינוט — ווי הייסט, אַ פּאַס, וואָס, מען לאָזט דאָך איהם נישט אַריין — ווייזט זי אויף דעם קליינעם יוסעלע, וועלבער איז געלעגען איינגעקאָרטשעט אין אַ ווינקעל און האָט גע-

שלאָפען צוגעדעקט אין רחל'ס קאַפּטען און האָט אויסגעזעהן, ווי אַנ'אָרימער וואָרם וואָלט געלעגען.

דער עולם איז שטיל געוואָרען און האָט זיך אָנגעהויבען אײַנהאָרכען צו רחל'ען. זיי האָבען זי שוין באַלד פון ערשטען טאָג בעמערקט, נור רחל'ע האָט זיך אַזוי פון דערווײַטענס געהאַלטען פון אַלע רײַזענדע, און האָט מורא געהאַט מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורײדען (אַזוי האָט מען איהר אָנגעזאָגט), אַז קיינער פון די רײַזענדע האָט נישט געוואוסט פון די קינדער'ס צרות, און האָבען געמיינט, אַז זיי זיינען מיט אַ מוטער צוזאַמען. איצט, אַז זיי האָבען געהערט, אַז דאָס פאָהרט זי צוריק מיט אַ ברידער'ל — האָבען אַלע אָבגעהאַקט דאָס געשפּרעך און אָנגעהויבען זיך מיט איהר צו פעראינטערעסירען.

— ווי הייסט, מען שיקט אייך צוריק? — פאַרוואָס שיקט מען אייך צוריק?

— ער האָט אַ האַצעל אין קעפּעל, פון טיפּיס געבליבען, — דערצעהלט רחל'ע, אין אַזאַ טאָן, ווי זי וואָלט זײַן מוטער געווען.

— האָט מען אייך נישט אַרײַנגעלאָזט? ווי הייסט מען האָט אייך נישט אַרײַנגעלאָזט? אַמעריטשקע גנב, אַזאַ אומגליקליך קינד, — זאָגט אַ יודענע אין נעהמט דאָס ליכט און בעקוקט דעם שלאָפענדען יוסעלע, — אַזאַ מלכות'דיג קינד — און וואו איז די מאַמע?

— די מאַמע האָט דאָך געמוזט בלײַבען מיט די איבעריגע קינדער, פאָהר איך אַליין מיט איהם צוריק.

— פאָהרסט דו מיט איהם צוריק. — וואָס זיצט דו? גיב איהר אַ בײַנקעל, לאָז זי זיך זעצען. קום אַהער דאָ, מיידעלע, זעץ זיך, דאָ, — ווײַזט אַ יודענע איהר פּלאַץ אָן, וועלכע האָט זיך אויפגעהויבען, — נאַ, זעץ דיך, די פיס מוזען דאָך נעבּיך דיר וועה טהון.

— נאַ, דערהאַפּ דיר דאָס האַרץ, — טראָגט איהר אַ יודענע אונטער אַ שטיקעל לעקעך, — אוי, הערה, די אומגליקליכע מאַמע, איך פיהל נעבּיך איהר ביטער האַרץ, — קרעכצט די יונגע און ווישט זיך אַ טרער פאַר הנה־לאהן.

— מילא, זי שלאָפֿט שוין, נישט דאַרף קיין נעכט, די אומ־גליקליכע מאַמע, — קרעכצט אַ צווייטע יודענע, און חאַפּט דעם מאַן: שמואל, שמואל, נעהם ניר אַרויס פֿון קעסטעל די פּאָמע־ראַנצען, דאָס מיידעל איז דאָך נעביך שוואַך.

— שווייגט, שווייגט, איהר וועט דאָך דאָס קינד אויפֿוועקען, — חאַפּט אַ דריטע יודענע, און נעהמט אַראָב איהר טוך פֿון זיך און דעקט צו דערמיט דעם שלאָפֿענדען יוסעלע'ן — אַ קינד נעביך, עס איז דאָך קאַלט אויפ'ן שיף.

און יודען האָט זיך געגעבען אַ דערוועק דאָס רחמנות, — אַ געפֿיהל, וואָס קאָן נור האָבען אַ פֿאָלק, וואָס לעבט שוין אַזוי לאַנג, וואָס איז שוין אַזוי משפּחה'דיג צווישען זיך, וואָס האָט שוין אַזעלכע צרות אַדורכגעלעבט. דאָס געפֿיהל פֿון רחמנות האָט געגעבען זיך אַ צינד־אָן אין אַלע יודישע הערצער אויפ'ן שיף אויף די צוויי קינדער, און אַלע האָבען זיך געפֿיהלט משפּחה'דיג מיט די קינדער, אַזוי ווי זיי וואָלטען געמוזט די ערטער פֿון זייערע פֿאָטער־מוטער פֿערטרעטען...

רחל'ע האָט נישט געוואוסט, וואו די הענד אַהינצוטהון פֿון די אַלע מתנות, וואָס האָבען זיך געגעבען אַ שאָט צו איהר פֿון אַלע זייטען. וואו עס האָט זיך נור געפֿינען אַ יודענע אויפ'ן שיף, איז זי אַהער געקומען אויסצוגיסען איהר מוטערליך געפֿיהל צו איהר... ווער עס האָט נור אַ זיסיגקייט געהאַט אין זיין קאַסטען בעהאַלטען, האָט מען געבריינגט צו רחל'ען; איינע האָט איהר איהר געלעגער אָנגעבאָטען, די צווייטע האָט איהר טיכעל אויס־געטהון און רחל'ען אָנגעטהון; פּאָמעראַנצען איהר געבראַכט, אַ שמיקעל שאָקאָלאַדע ווער עס האָט נור געהאַט, — אַלץ אין איהר שויס אַריינגעלעגט.

— וואָס טויג מיר די נאַרישקייטען, — חאַפּט זיך אָן אַ יוד, מען דאַרף געוואָהר ווערען אַט וואָס, דעם עיקר, — גיט ער אַ וואונק און אַ געה־צו צו רחל'ען און אַ רוים אַיין אין אויער:

— און עפּיס געלד האָט אייך דער טאַטע מיטגעגעבען?

— אודאי, — ווייזט רחלע אויף א זעקעלע, וואס זי טראגט אויפ'ן האלז.

— דאס איז גארנישט, — זאגט דער ייד, נישט צו זעהן, וואס אין זעקעלע איז — מען דארף אט וואס... — שמואל, גיט ער א רוף א יידען אין א ווינקעל אריין — גיב נור אהער א פאר גילדען.

אין א פאר מינוט ארום זענען שוין די יידען אין א ווינקעל געשטאנען און געלד צוזאמענגעלעגט פאר די קינדער.

און אז יוסעלע איז פון שלאף אויפגעשטאנען, האט ער זיך געפינען ווי אין גן-עדן: מען האט איהם אויף די הענד געטראגען. „לאוט-צי, לאוט-צי"', — האבען יידען געשריען און איהם אוועקגעזעצט אויבען-אן, און געבריינגט צושלעפען, וואס איינער האט נור געהאט. יוסעלע האט זיך ארומגעקוקט, האט נישט געוואוסט וואו ער געפינט זיך און האט מיט שרעק געקוקט אויף רחלען.

— עס דאס עפעלע, מיין קינד, — זאגט צו איהם א יידענע, און בעקוקט איהם דערוויל מיט ליעבע דאס קעפעלע, — א ראץ, זאגט זי, גאר נישט קיין ראץ, א מערישקע גנב, איך שמיר איהם איין מיט א ביסעלע שפיריטוס, איז אויס ראץ. איבער דעם געהמט מען א קינד און מען רייסט עס פון א מאמע אוועק.

— ווארום א יידיש קינד געהט זיי דען עפיס אן — א יידיש קינד, — זאגט א צווייטע און בעטראכט אויך יוסעלעס קעפעלע.

— און איך ווייס פון א דאקטאר אין בערלין, ער זאל נור וועלען מיט איין מאך מיט דער האנד, איז אויס ראץ, — דערצעהלט א יודענע.

— וואס, ער וועט נישט וועלען? מען וועט איהם בעצאהלען דערפאר, — זאגט א ייד.

— אודאי בעצאהלען. וואס, ער וועט נישט וועלען? — שטימען צו די יודען.

— יענער איז א פראפעסאר, א גרויסער מאן, ער היילט קיסרים סאמע, האט מיר מיין דאקטאר פון ניו-יארק מיטגעגעבען אדרעס צו איהם, ער זאל מיר מיינע שטיינער ארויסנעמען. אוי, האב איך שטיינער, — קרעכצט די יודענע.

— ווייזט נור דעם אדרעס, לאזט ניר זעהן, — זאגט א ייד.

די יודענע האט ארויסגענומען פון א הינטער־קעשענע א שטיקעל פאפיר און געוויזען דעם אדרעס פון גרויסען דאקטאר, וועלכער היילט סאמע קברים.

— נו, שוין גוט. איך וועל אהינפאהרען חורף בערלין — וועל איך שוין אליין מיט זיי אריינגעהן, מיר קענען זעהן אייב ער וועט נישט פאר אונזער גראשען געלד דעם קונדס קאפ אויס־היילען, — זאגט דער ייד און באהאלט זיך דעם אדרעס אין קעשענע.

---

קאפיטעל עקף.

# אין וועג.

אין א פאר טעג ארום האט מען אין בערלין געקאנט זעהן, ווי פאר א שיינען הויז אויף פרידריך־שטראסע זענען געשטאנען צוויי קינדער, א מיידעל און א קליין יונגעל, „רוסישע אויסוואנדלער״, און האבען זיך געשפארט מיט׳ן שווייצאר, וועלכער האט אויף זיי מיט גרויס חשד געקוקט און זיי נישט געוואלט אריינלאזען. דאס מיידעל האט אבער זעהר ענעגיש געראטעוועט און זיך דערשלאגען און געוויזען אויף יוסעלעס קעפעלע, אז זי וויל צום דאקטאר קאהאן, וועלכער היילט נור קיסרים. נאך איינינע מינוט פון אונטערהאנדלונגען איז זיי דאך געלונגען אריינצוקומען אין הויז, און דיזעלבע סצענע האט זיך אויך אבגעשפילט אין דער טהיר פון ד״ר קאהאן מיט דער דינסט פון ד״ר קאהאן. רחל׳ע האט אבער אויף גאר נישט געקוקט, גענומען פעסט יוסעלע׳ן ביי דער האנד און אריינגערוקט זיך אין שטוב אריין. יוסעלע האט זיך געלאזט שווייגענדיג נאכשלעפען, מיט א מינע פון בטול און יאוש — „עס איז מיר גאנץ גלייך״. זיי האבען לאנג געווארט אין וואפטאנגס־צימער צווישען די געסט. אז אלע זענען שוין אוועק, האט מען זיי אריינגעלאזט צום דאקטאר. דער דאקטאר, א נידריגער און א פולער מיט א קאלען קאפ און א פאר גע׳ממורטע אויגעלעך, וועל־

גע לויפען אהים אין פנים, מיט א פאר אראבגעפאלענע וואנגעלעך, האט זי צוגענומען א ביסעל פערוואונדערט מיט די הענד פון דערווייטענס. רחל'ע האט דאס געלד געהאלטען אין איין האנד, מיט דער צווייטער האנד געוויזען אויף יוסעל'עס קעפעלע און נישט דערשראקען געשטענה'ט מיט א פול מויל, יודישליך, צום דאקטאר אזוי:

— פאני דאקטאר, האט רחמנות, די מאמע מיט'ן טאטען זיינען אין אמעריקא, מיין ברודער'ל לאזט מען נישט אריין — ער האט א קעפעל, — ווייזט זי אויף יוסעל'ען, — היילט עס איהם אויס, איהר קענט דאך, האט רחמנות אויף א יודיש קינד, די מאמע מיט'ן טאטען זענען אין אמעריקא, — האט רחל'ע געזאגט אין טרעהרען, און האט דערלאנגט דאס געלד מיט דער האנד.

זעהט זיך אויס, אז דער גרויסער פראפעסאר, וואס היילט נור מאמע קיסרים, האט פערשטאנען רחל'עס שפראך, — האט דאס געלד צוגענומען פון רחל'ען, אויפ'ן טיש אוועקגעלעגט, גוט זיך די הענד געוואשען און בעקוקט יוסעל'עס קעפעלע, און געשאקעלט מיט דער גאמבע.

— איהר זענט וואהל אויסוואנדלער, — רוסישע אויסוואנדלער, וואס?

טאמער רחל'ע האט נישט פערשטאנען, וואס דאס איז, נור כדי צוליעב צו טהון דעם דאקטאר, האט זי צוגעשטימט: יא, יא, — און יוסעל'ע האט איבערגעגעבען דאס קעפעל אין דאקטאר'ס הענד.

ער האט געהייסען ווארטען אויף די צייט און פערשריבען א רייבעכטס.

אז די קינדער זענען אהיים געקומען אין די אכסניה אריין, אין א פערוואָרפען געסעל, וואו עס האבען זיך אויפגעהאלטען אייניגע, וואס זענען געפאהרען מיט זיי אויפ'ן שיף, און צווישען וועלכע עס איז אויך געווען די יודענע, וואס האט געהאט דעם אדרעס פון דאקטאר, האט מען זיי אויסגעפרעגט — און אלע האבען זיך זעהר געפרעהט, וואס דער בעריהמטער פראפעסאר האט זיי צוגענומען, און געריהמט רחל'ען פאר איהר בריה'שאפט.

צווישען די רייזענדע האט זיך אויך געפינען דער ייד פונ'ם שיף, וואס האט צוגענומען דעם אדרעס פון דער יודענע. ער איז דאס געפאהרען מיט זיי פון דעם שיף אן און נישט פערלאזט די קינדער; ער האט אויך געהאט א פאס, אויף וועלכען עס זענען געווען פערשריבען זיינע קינדער, און מיט איהם האבען דאס געזאלט רחל'ע און יוסעלע איבערפאהרען די גרעניץ אויף זיין פאס אלס זיינע קינדער. ער האט זיך גענומען איצט יוסעלען איינלערנען דעם נאמען, ווי ער וועט הייסען ביי דער גרעניץ:— שמואל גאלדמאן.

— און, אלזא, ווי הייסטו? — פרעגט דער יוד.

— שמואל גאלדמאן, — ענטפערט יוסעלע אב פעסט.

— אט אזוי, וועסט נישט פערגעסען?

— ניין, איך וועל נישט פערגעסען, — שמואל גאלדמאן.

— „שמואל גאלדמאן", — חזר'ט זיך יוסעלע פאר זיך.

— אט אזוי — זאגט דער יוד — און ווי הייסטו? פרעגט ער רחל'ען.

— הנה גאלדמאן.

— וואויל, גוטע קינדער, גוטע קינדער,—פרעהט זיך דער יוד.

און יוסעלע האט טאקע נישט פערגעסען. ווי א געניטער רייזענדער, וואס איז שוין אזוי פיעל מאל די גרעניץ אריבערגעגאנגען און ווייסט, אז מען דארף זיך אנ'עצה געבען—האט ער אויף דער גרעניץ חגם זשאנדארם געוויזען אויף דעם פרעמדען יוד, אז עס איז זיין פאטער.

עס איז געווען דאס איינציגע מאל אין לעבען, וואס יוסעלע האט זיין פאטער פערלייקענט. דאס הארץ האט איהם נישט געשלאגען דערפאר—ער האט געוואוסט, אז עס דארף אזוי צו זיין.

נאך דער גרעניץ האבען זיי זיך הערצליך געזעגענט מיט זייער „גרעניץ-פאטער", וועלכער איז אוועקגעפאהרען אין אנ'אנדערע ריכטונג, און מיט די אנדערע ווייבער, וואס זיי האבען געטראפען אויף דער רייזע. מען האט זיך אויסגעוואונשען אל דאס גוטס, און מיטגעגעבען זיך גוטע זאכען.

און אז זיי זענען מיט דער סידור צוריק און זייער שטעדטיל אריינגעפאהרען, צו דער מומע שיינדעלע, האט יוסעלעס הארץ אנגעהויבען צו קלאפען. און, אז די מומע שיינדעלע האט זיי דערזעהן — האט זי זיך גארנישט געוואונדערט, האט נור געשמייכעלט מיט איהרע וויסע בעקעלעך און בלייכע ליפען.

— הי-הי-הי — האט זי געזאגט — איך האב באלד געוואוסט, אז עס וועט אזוי זיין.

## קאפיטעל צוועלף.

# דער נס מן השמים.

צוויי יאהר איז שוין, ווי מאיר האט דאס ווייב און די קינדער אראבגענומען קיין אמעריקא, און דורך די צוויי יאהר איז נאר אנאנדער וועלט געווארען, — אנדערש, גאנץ אנדערש האט אויסגעזעהן מאיר'ס הויז אין אמעריקא.

די „קאמאנדע“, אזוי ווי זי האט נור די אמעריקאנער ליפט דערשפירט, זענען זיי ווי מיט דער האנד אנדערש געווארען און מאיר איז ווי א פרעמדער צווישען די זייניגע ארומגעגאנגען. זינט ער האט דאס ווייב מיט די קינדער אראבגענומען, און די קינדער האבען אנגעהויבען צו געהן אין סקול אריין, זענען זיי פאר זיינע אויגען ווי פערפרעמדט געווארען פון איהם. ער האט נישט געוואוסט ווי אזוי עס איז געווארען, נור מיט יעדען טאג זענען דאס אנדערע קינדער געווארען, נישט זיינע, נור פרעמדע, וועלכע ער האט נישט געקענט און פאר וועלכע ער האט אנגעהויבען מורא צו קריגען.

ער, מאיר, דער יודע ספר, וואס איז, דאכט זיך, אין דער-היים געוועזען א יוד א חסיד, א מפורסם, איז קליין און פערשעמט געווארען פאר זייערע אייגענע קינדער, — וועלכע זענען ערשט נאר-וואס אין חדר געגאנגען.

קוים זענען זיי נור אראבגעקומען, אנגעהויבען אין סקול צו

געדן — האבען זיי צווישען זיך נור ענגליש גערעדט, און זענען געווען איינגעטונקט אין ספארט, גלייך ווי זיי וואלטען נישט געווען מאיר'ס, דעם יודענס פון קליינעם פוילישען שטעדטיל; שטענדיג פעראינטערעסירט אין די פוט-באלען-בא'ס (יונגלעך), וועלכע שטאדט, עס שפיעלט מיט דער צווייטער, און אפילו ספארט-צייטונגען געלעזען. זיי האבען דעם פאטער געהאלטען פאר א „גרינעם" און איהם פעראכטעט דערפאר, וואס ער קען נישט אזוי ריידען ענגליש ווי זיי, און אינטערעסירט זיך ניט מיט דעם, מיט וואס אין אמעריקא אינטערעסירט מען זיך.

און נאך יעדער לעקציע, וואס די יונגען האבען גענומען אין דער פאבליק-סקול, זענען זיי אנדערש געווארען פון מאיר'ס שטוב. די זעלבשטענדיגקייט, וואס איז איינגעפלאנצט אין דעם אמעריקאנער באי, האט זיך אויך ביי דער „קאמאנדע" דערוועקט. קוים האבען זיי נור ענגליש געקאנט ריידען, האבען זיי שוין געפרובט אליין צו פערדינען. אהיים געקומען פון דער סקול, זענען זיי אין די רעדאקציעס געלאפען, גענומען פייפערס (צייטונגען), צו פערקויפען, אדער געשטעלט זיך אויף דער פאסט, טעלעגראמען אבצוטראגען. און קוים האט דאס קינד די ערשטע פאר קוואדערס (האלבע-רובל'ס) אהיים געבראכט צו דער מוטער, האט עס זיך שוין געפיהלט זעלבשטענדיג, און קיינער האט איהם נישט קיין דעה צו זאגען אין זיינע „בוזנעס" (עסקים), דאס אידעאלע זעלבסט-בעוואוסטזיין און אכטונג צו פערזענליכער פרייהייט, וועלכע די אמעריקאנער פאבליק-סקול פלאנצט איין די צוקונפטיגע בירגער פון אמעריקא, האט זיך באלד ערוועקט מיט דעם גאנצען שטאלץ אין די יונגען פון דעם קליינעם שטעדטיל, איבער וועלכע דער פאטער האט דא ערשט נישט לאנג געהאט אזא גרויסע הערשאפט. און זיי זענען גרייט געווען ווי יעדעס אמעריקאנער קינד צו פערטיידיגען זייער פרייהייט מיט די „פייטס", וועלכע זיי האבען זיך אזוי גוט אין די סקולס אויסגעלערנט. דורכדעם, איז דעם פאטער'ס ווארט קיין ווארט נישט געווען פאר זיי. זיי זענען געגאנגען אין חברה אריין דענסטמאל, ווען זיי האבען געוואלט, און געדאווענט,

ווען עס האט זיך זיי געגלוסט. נישט געוואשען זיך צום עסען, נישט קיין ברכה געמאכט, מעהרסטען אהן היטלען אוועקגעלאפען און געטהין, וואס זייער הארץ האט זיך געגלוסט.

מאיר האט זיך באלד איבערציינט, אז אמעריקא איז נישט לעשנא. אין לעשנא האט ער נור געקאנט זיין א געוועלטיגער איבער זיינע קינדער, אבער אין אמעריקא איז אנ'אנדער מאדע, דא האבען טאטעס איבער קינדער גארנישט צו זאגען, און אויף אלע פארווירפע, וואס ער האט זיי געמאכט, האבען זיי איהם צוריק אפגעענטפערט:

— מאן דשאר בזנעס (היט דיר דיינע געשעפטען).

און חנה שרה פלעגט פערשילטען קאלימבוס'עס ביינער, האטש זי האט נישט געוואוסט, ווער און וואס אזעלכעס איז דאס געווען דער קאלומבוס, נור זי האט געהערט, אז אלע ווייבער אין אמעריקא שילטען קאלומבוס'ן — האט זי אויך געשאלטען.

— אראפגענומען קיין אמעריקא מיך, מיין מאן, צי קאלומבוס'ן. אוי, קאלימבוס — איינליעגען אין דר'ערד זאל ער נישט קאנען!

און נישט דוקא די „קאמאנדע", ניר אפילו רחל'ע (לאנג איז זי שוין געהאט צוריק אראפגעקומען מיט יודעל שניידער איבערלאזענדיג יוסעל'ען ביי דער מוהמע), אפילו רחל'ע איז דא אויך א גאנץ אנדער מיידעל, געגאנגען איז זי אין שאפ, און האט זיך אויסגעלערנט פון הבר'טארינס, אין קאפעלי'שען האט זי זיך געפוצט און אין די טעאטערס געגאנגען (האט די מאמען אויך אמאל מיטגענומען).

זענען זיי ביידע, מאן און ווייב, געזעסען און געבענקט נאך יוסעל'ען, וועלכער איז איבערגעבליבען אויף יענער זייט ים ביי דער מוהמען. דאס איינציגע „קינד" האבען זיי איהם גערופען, און האבען איהם געגארט צו זעהן.

---

און יוסעלע?

יוסעלע איז הערוויל א דערוואקסען יונגעל געווארען,

וואָרום צוויי יאָהר איז שוין אַדורכגעגאַנגען, ווי ער האָט די עלטערן נישט געזעהן, לאַנג שוין האָט ער אָנגעהויבען גמרא צו לערנען, לאַנג שוין איבערגעגאַנגען צו ר׳ יעקב יודעלס צום שיעור. און נישט מאיר, נישט חנה־לאה האָבען נישט די זכיה זייער גמרא־זוהן צו הערען.

עס הערט זיין לערנען יעדען שבת נאָך מיטאָג, ווען ער פערהערט זיך בײם פעטער, די מומע שיינדעלע, נור די מומע שיינדעלע היתיכעט אַזוי, אַז מען ווייסט נישט, צו זי פרעהט זיך דעריבער, צו זי טרויערט. איהר געזיכט ווערט וואָס אַמאָל בלייכער, און די פלעקען אויף די באַקען וואָס אַמאָל רויטער, און די אויגען וואָס אַמאָל מעהר גרינער, און זיצט אַגאַנצען טאָג און נייהט זיך אַליין תכריכים. „מען מוז זיין גרייט — זאָגט זי — יעדער מענש בעדאַרף זיין גרייט״. זי איז געוואָרען אַ חברה־קדישא־יידענע און ווי עס שטאַרבט ווער אין שטאָדט, היט זי די נשמה אָב. און יוסעלע ווייסט פון אַלע טויטע, ווי אַזוי זיי זענען געשטאָרבען און וואָס פאַר אַ גרימאַסען זיי האָבען געמאַכט בײם טויט... און נישט דאָס דוקא ווייסט ער, נור ער ווייסט אויך ווער עס וועט דער נעכסטער שטאַרבען, וואָרום די מומע זיצט דורך גאַנצע ווינטער־נעכט און רעכענט אויס די, וועלכע וועלען באַלד שטאַרבען, און יוסעלע זעהט זיי אין גאַס און איהם דוכט זיך, ווי ער זעהט דעם מלאך־המות, וואָס טאַנצט פאָראויס פאַר זיי... און דער פעטער זיצט גאַנצע טעג און שווייגט. קיין איין איבעריג וואָרט הערט מען נישט פון זיין מויל, נור דאָס, וואָס ער דאַרף, ווי ער וואָלט אין אַן אַנדער וועלט געשטעקט דורך זיין גאַנץ לעבען און קומט נור טיילמאָל צוריק דאָ אַהער, אין אונזער וועלט אַריין, ווען ער דאַרף עסען... און רחלע איז שוין געווען לאַנג צוריק אַראָבגעפאָהרען צו טאַטע־מאַמע קיין אַמעריקאַ מיט יודעל שניידערס משפחה, און יוסעלע זיצט אַליין אין שטעדטיל און רעדט זיך דורך מיט די עלטערן דורך בריעף.

און די בעקאַנטשאַפט צווישען פעטער און זוהן איז געווען זעהר גרויס. אַ ים איז געלעגען צווישען זיי, און דער ים האָט זיי אי־

בעהעבריינגט פריהליך פון איינעם צום אנדערן, און וועלכע זיי האבען זיך די הערצער אויסגעגאסען. יוסעלע האט דעם פאטער מיטגעטיילט פון יעדען נייעם שיעור, וואס זיי הויבען אן, און פון יעדען שטיקעל פלפול, וואס דער רבי לערנט מיט זיי. און הא-געגען, דער פאטער — איהם פון אלעם דארט, וואס אין אמעריקא.

ווארום דער פאטער האט זעהר געבענקט נאך איהם. פון דער „קאמאנדע'' דארט, אין אמעריקא האט ער געהאט גרויס שברת-הלב. זיי ווערען אויס יידען — האט ער יוסעלען געשריבען: „הויבען זיך אויף אין דער-פריה און האבען דאס עסען און פער-געסען צו דאוונען. זיי זענען גאנצע טעג אין די סקולס, וואו מען לערנט נור מיט זיי גוי'איש, און לויפען ארום אהן א היטעל אונטער דעם פרייען הימעל אין די גאסען, וואו זיי צינדען אן גרויסע פייערס, און זיי האבען פערגעסען א יידיש ווארט, און רעדען נור גוי'איש, און הערען נישט, וואס דער טאטע זאגט און וואס די מאמע זאגט, — ווארום דא איז א מנהג, אז קינדער האלטען נישט פון כבוד אב ואם. און רהל'ע איז אויך אינגאנצען פערענדערט געווא-רען: קליידט זיך אין קאפעליושען און געהט ארום און טאנצען און צירקען''. יוסעלע האט זיך זעהר פערוואונדערט איבער זיינע ברידער, וואס עסען אום געדאווענט. ווי הייסט, נישט דאוונען? ווי קאן דאס א ייד לעבען אהן דאוונען? און ער האט זיי בריעף געשריבען, און וועלכע ער האט זיי דערמאהנט די מצוה פון כבוד אב ואם, און מעשה-ביכלעך זיי אראבגעשיקט, און וועלכע עס ווערט דערצעהלט ווי גרויס די מצוה איז פון כבוד אב ואם בדרך משל, אז זיי זאלען זיך א מוסר אראבנעהמען. אבער זיי האבען זיך צו איהם נישט צוגעהערט.

און וואס גרעסער די קינדער זענען געווארען אין אמעריקא, אלץ פרעמדער האט זיך מאיר געפיהלט צו זיי. פאר זיינע אויגען זענען זיי אויפגעוואקסען, און אויסגעוואקסען זענען זיי אינפער-שטענדליך און פרעמד צו איהם. דעם פאטער'ס העויות און פרומ-קייט האט ביי זיי געלעכטער ערוועקט און זענען ווי עשו אום שבת אויף דעם „גויע'' געלאפען. „דער גויע'' האט געדינען ביי

חנה־לאהן די באַלען־שפּיעל, צו וועלכער די יונגען האָבען גרויס חשק געהאַט. דאַהיים געקומען יעדען פֿאַר־נאַכט אָבגעריסען, אָהן היט, מיט אַ צודראַפּעטע פּנים. און ריידען זיי האָט מען נישט געקע־מאָרט. און אַמעריקאַ איז אַזאַ לאַנד, וואו שלאָגען קינדער טאָר מען נישט און די גאַנצע אימה פֿאַר'ן טאַטען איז ווי מיט דער האַנד אָבגעווישט געוואָרען. און מאיר געהט אַרום אין זיין הויז ווי אַ פרעמדער. ער זעהט, ווי זיינע קינדער וואַקסען־אויף גוים, ממש, און זענען עובר אויף הינדערט עברות יעדען טאָג און ער קאָן זיי גאָרנישט זאָגען. נאָכמעהר, זיי הויבען דעם פאָטער אָן צו האַלטען פֿאַר אַ חסר־דעה, פֿאַר אַ נאַר, פֿאַר „אַגרין־האָרן" און זענען איהם מבטל מיט זיין גאַנץ ביסעל לערנען, מיט זיינע ספרים. און זיין יודישקייט זעהט גאָר אויס ביי זיי ווי חוכא־וטלולא, און דאָ קריגט ער יוסעלע'ס בריעף, מלא אהבה על כל גדותיו, און די פּשט'לעך, און דער שיעור, און נאָך יוסעלע'ן, דאָס איינציגע כשר'ע יודישע קינד איז מאיר'ס האַרץ אויסגעגאַנגען. ער האָט איהם געוואָלט זעהן, מיט איהם ריידען, ביי איהם, יוסעלע'ן, וואָלט ער זיין דער פאָטער מאיר, יוסעלע וועט איהם כבוד אב אָבגעבען, וועט זיך פֿערדערען ביי איהם, וועט מיט איהם אין די חברה געהן. האָט ער געשריבען צום שוואָגער לייביש בריעף און צו יוסעלע'ן בריעף, למען השם, מען זאָל זעהן, אַז יוסעלע זאָל קאָנען אַראָבקומען.

---

## קאַפּיטעל דרייצעהן.

# יוסעלע צוריק אין אַמעריקאַ.

עס איז געווען פֿאַר אַ פּורים טאָג. די זון האָט זיך שוין אָנגעהויבען צו באַווייזען אין שטעדטיל, דער שניי האָט אָנגעהויבען צו צוגעהן און אין דעם אויר האָט מען שוין געפֿיהלט, ווי עס בלאָזט דער ווינד פֿון פֿריהלינג. די קינדער אין חדר האָבען שוין אָנגעהויבען צו ריידען וועגען די נייע קאַפּאָטקעלעך.

וואָס זייערע עלטערן מאַכען זיי אויף פסח, און האָבען געוויזען זייערע חברים די פּרובקעס סחורה, און זענען געגאַנגען צו די שניידערס מעסטען — האָט זיך יאָסעלע'ן שרעקליך פֿערבענקט נאָך טאַטע־מאַמע. ער האָט נור געוואָלט איין טאָג, איין אויף־הער־נאַכט דאָרט זיין, שטעהן הינטער זייער טהיר און אריינקוקען דורך דעם שליסעל־לאָך און זעהן, וואָס דאָרטען טהוט זיך. די מאַמען זעהן, דעם פאָטער — איז ער אהיים געגאַנגען פֿון חדר פֿאַר־נאַכט (מען האָט דאַן אויפגעהערט צו לערנען ביי־נאַכט, די טעג זענען שוין געהאַט גרעסער געוואָרען, און די נעכט — קלענער) און האָט געזעהן ווי זיינע חברים איילען זיך מיט שמחה אהיים, האָט ער זיך דערמאָהנט אָן זיין טאַטע־מאַמע, און האָט זעהר ביטער געקרעכצט, און האָט די אויגען אויפגעהויבען צום הימעל, און זיין האַרץ האָט אַזאַ תפלה געזאָגט: „רבונו של עולם, ווי לאַנג נאָך וועל איך גלות אָפּריכטען (יאָסעלע האָט געהאַלטען דאָס, וואָס ער מוז זיין אָפּגעריסען פֿון זיינע עלטערן, פֿאַר גלות־אָפּריכטען), ווי לאַנג נאָך, רבונו של עולם!“ און ער האָט זיך זעהר, זעהר צעוויינט.

אַז ער האָט זיך געהאַט גאַנץ גוט אויסגעוויינט פֿאַר גאָט, איז איהם אויפ'ן האַרץ לייכטער געוואָרען, ווי עס וואָלט איהם אָנגעזאָגט, אַז די ישועה איז נאָהנט. און גאָט האָט געגעבען אַ מחשבה אין זיין האַרץ, און ער האָט אָנגעהויבען אַטראַכט צו טהון וועגען זיין קעפּעל.

צו מאָרגענס אין דער־פֿריה האָט ער זיך פֿאַר קיינעם נישט וויסענדיג געמאַכט (אַ פּאָר גראָשען האָט ער שטענדיג ביי זיך געהאַט, דאָס טאַשען־געלד, וואָס דער פֿאָטער האָט איהם געצ־שיקט, האָט ער נישט אויסגעגעבען), איז ער אַהין געגאַנגען צו שמואל רופא פֿון זייער שטעדטיל, און האָט איהם געוויזען דעם ראַץ, אַז ער זאָל איהם געבען אַ רפואה.

שמואל רופא האָט איהם דאָס קעפּעל איינגעשמירט מיט אַזאַ שמירעכטס, און — זעה, גאָט'ס וואונדער! דאָס, וואָס דער פּראָ־פֿעסאָר פֿון בערלין, וועלכער היילט באַמע קעסקים, האָט נישט

געקאנט באוויַיזען, דאס האט שמואל רופא באוויזען, דער קראַנק האט אנגעהויבען צו פערשווינדען ווי אינטער דער האַנד. מען האט גענומען גאט'ס נס בעשיינפערליך, ניש'ט בחנם האט דאַן די זון געשייַנט אַכט טאג כסדר, ווי אין מיטען זומער. שמואל רופא האט געזאָגט, אַז דאס איז אַגרו'ים וואונדער, ווארום דאס שמירעכטס הייַלט נור בימות החמה, ווען די זון שייַנט. אָבער יוסעלע האט געוואוסט, אַז דאס איז אַנס מן השמים, ווארים דער רבונו של עולם האט זייַנע קרעכצען געהערט און וויל איהם העלפען.

אַז יוסעלע'ס קעפעלע איז רייַן געוואָרען, האט ער דעם פאָטער אַראָפגעשריבען אַבריעף און האט איהם מודיע געווען, אַז פון דעם קראַנק איז ניש'ט איבערגעבליבען קיין שריד ופליט, און די שרים פון דער גרעניץ וועלען גאר געגען איהם ניש'ט האבען. דער פאָטער האט באַלד צוריקגעשריבען אַבריעף צום שוואָגער, און מען האט אייַנגעזעהן, אַז מן השמים וויל מען, אַז פאָטער און זוהן זאָלען צוזאַמענקומען, ווארום עס האט זיך פונקט געמאַכט, אַז יודעל שנייַדער האט אַראָפגענומען זיַין משפחה אַראָב, איז געבליבען, אַז יוסעלע זאל מיטפאָהרען מיט יודעל'ס משפחה. אין דער רייַזע האט מען זיך געקליבען באַלד נאָך פסח.

זעהר ריהרענד איז געווען דאס צושיידען זיך פון יוסעלע'ן מיט דעם מלמד און זייַנע חברים, און דער רבי האט איהם אויסגעלערנט אַבייַעם פלפול, ער זאל עס איבערזאָגען דעם טאַטען.

ווי עס איז צוגעגאַנגען די נסיעה איבער'ן ים, וועלען מיר ניש'ט בעשרייַבען, ווארום דאס איז ביי יוסעלע'ן ניש'ט געווען קיין נייַעס. ער האט געקענט דעם ים „ווי זייַנע פינף פינגער". אַקלייניגקייט די נסיעות, וואס יוסעלע האט שוין געהאַט געמאַכט!

און אַז עס איז געקומען, אַז ער זאל זיך ווייַזען פאַר די פריצים פון אַמעריקאַ, האט זיַין האַרץ ניש'ט געקלאַפט ווי דעם ערשטען מאל. ער האט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז מן השמים וויל מען, אַז ער זאל דאסמאל זיך בעזעגענען מיט זייַן פאָטער, אַזייַנ לות האט זיך געענדיגט, — האט ער מיט פרייַטקייט אַראָפגענומען דאס היטעל און געוויזען דעם גאַנצען קאָפּ.

און שמואל דעם רופא'ס רפואה האט טאקע געהאט גע־
האלפען, ווארום די פריצים האבען גארנישט געהאט הערקענט, אז
עס איז אמאל געוועזען דא א ראץ און איבער דעם ראץ האט מען
אידם נישט געהאט אריינגעלאזט, ווארום פון דעם ראץ איז מיט
השם יתברך'ס הילף קיין שריד ופליט נישט געבליבען.

אין א פאר שעה ארום האט יוסעלע דערזעהן דעם פאטער
און די מוטער; מאיר האט אידם אנגענומען ביי דער האנד און האט
אידם פון שיף אראבגענומען, און אז זיי האבען געשטעלט דעם
ערשטען טריט אויף דעם אמעריקאנער באדען, האט ער זיך מיט
זיינע ברידער בעקענט און מיט רחל'ען. און אז אלע לאנדס־
לייט זענען געקומען צוגעהן, האט יוסעלע פאר אלע זיין היטעלע
אראבגענומען און געוויזען זיי זיין ריין קעפעלע, ווי דאס וואלט
קיינער אין דער וועלט נישט פערמאגט, נור ער בלויז אליין...
און די שמחה איז דארט אזוי גרויס, געוועזען, ניה דאס וועל איך
נישט בעשרייבען, ווארום דאס איז א מענשענ'ס פעדער נישט
אימשטאנד צו בעשרייבען...

---

## דאס פיערצעהנטער קאפיטעל.

# דער ערשטער טאג אין סקוהל.

אבער יוסף האט זיינע ברידער נישט דערקענט. דורך די
צוויי יאהר, וואס ער האט זיי נישט געזעהן, זענען זיי גאר אנדערע
געווארען, און ער האט פאר זיי מורא געקראגען. זענען דאס
זיינע ברידער בעריל און חיים? ניין. די פנימ'ער גוי'אישקע, ווי
די שקצים, געהען א גאנצען טאג אהן היט ארום, אין קורצע קליידער
און ריידען צווישען זיך אויף א שפראך, וואס ער פערשטעהט
נישט. פאר'ן טאטען האבען זיי נישט קיין מורא און עסען אומ־
געוואשען, אומגעוואשען. און נישט דוקא זיי זענען אנדערש גע־
ווארען, נור אלע. רחל'ע געדענקט שוין אביסעל ווי א גרויסע
פריצטע, און איז א גאנצען טאג אין שטוב נישטא, און די מאמע

איז אנדערש, די זעהט ווי היים און בעריל עסען אומגעוואשען און די וואנט זיי גארנישט. די ציבעלעכען האלטן אום שבת און צינדען פאפיר אונטער. און דער טאטע — פערשטעלט איז ער, א קורצען דאך געדעט ער אנגעטהאן, און קומט אהיים אויף דער נאכט און לעוט א צייטונג. און אלע געהען דא פערשטעלט ארום. און שוין צוויי וואכען איז ער דא, יוסעלע, און קיינעם איז נאך נישט איינגעפאלען, אז מען זאל איהם אין חדר פיהרען, צו א רבי'ן. מען זאגט, מען וועט איהם אין א שקאלע פיהרען, דארט, וואו היים און בעריל געהען; און דארט וועט ער אויך אהן א היטעל זיצען און לערנען ווי זיי. דערווייל דרעהט ער זיך אין שטוב ארום מיט דער מאמען (ער האט מורא אין גאס ארויס־צוקוקען). וויפיעל די ברידער האבען איהם נישט אין גאס ארויס־געצויגען — ער האט נישט געוואלט. ער האט מורא געהאט פאר די פרעמדע גאס. אזא גרויסען רעש הערט מען פון דער גאס ארויס. דרעהט ער זיך ארום ווי נאך עפּיס אין א פרעמדער שטוב און קאן זיך אלין נישט צוגעוועהנען צו דער שטוב. אלעס קומט איהם אויס פרעמד דא. די שטוב, די ברידער און אפילו די מאמע אויך. עפּיס אנדערש געהט זי אנגעטהאן ווי אין דער־היים, און רעדט אנדערש, ווי אין דער־היים. ווייסט ער נישט, אויף וואס פאר א וועלט ער איז. נעהמט ער טיילמאל די גמרא, [illegible] שטעהט אין שאנק, און זעצט זיך אוועק איבער'חזר'ן דעם שיעור, וואס ער האט געלערנט אין דער־היים. די מאמע שטעהט אין ווינקעל און וויינט פאר פרייד. קומען די ברידער אריין, לאכען אויס איהם און רייסען איהם פון דער גמרא אוועק. דורך די אפענע טהיר און פענסטער רייסט זיך דער רעש פון דער גאס אריין. מען קלאפערט אין דרויסען, מען שרייט, און א לייער־קאסטען שפּיעלט און צוטומעלט איהם דאס לערנען — שלעפען איהם די ברידער אויף דער גאס ארויס. אויף דער גאס איז ליכטיג און אזוי פיעל קינדער זענען דא, און א קאסטען שפּיעלט, און די קינדער שטעהען ארום דעם קאסטען און טאנצען; דארט זאמ־לען קינדער פאפיר פון די גאסען, לעהגען עס צונויף און צינדען

אַ פייער אונטער; יונגען שפּיעלען אין באַלעגנט, און אַלע פרעהען זיך, און לאַכען, און שרייען. און די בריהער שלעפּען איהם מיט צום שפּיעל, און ער שטעהט פון דער-ווייטענס, האָט מורא צו צוגעהן, די בריהער שלעפּען איהם און ער רייסט זיך פון זייער האַנד אַרויס, האָט מורא פאַר די פרעמדע קינדער, האָט מורא פאַר דעם רעש, און לויפט צוריק אין שטוב אַריין, און באַהאַלט זיך אין ווינקעל אַריין; די מאַמע נעהמט איהם אַליין ביי דער האַנד אָן און פיהרט איהם צו די שפּיעלענדע קינדער צו, שטופּט איהם צו: „געה, יאָסעלע, געה שפּיעל זיך". יאָסעלע האָט מורא, רוקט זיך אָן אַ זייט אָב, קומט צוריק אין שטיבעל אַריין, זעצט זיך אין אַ זייט אַוועק, נעהמט זיך צוריק צו זיין גמרא, אַהער זוכט זיך אַ ספר'ל אויס און קוקט זיך אַריין, ווי אַן אַלטער, דער וואַקסענער מענש...

טיילמאָל נעהמט איהם אָן אַ בענקעניש צוריק אַהיים, האָטש ער ווייסט, אַז אין דער-היים איז שוין נישט קיין היים, אַז דאָ איז זיין פאָטער און מוטער — גאָר נישט דאָ איז די היים, נאָך וועלכער ער האָט געבענקט דאָרט ביי דער מוהמע, יענע היים פון אַמאָל — ניין, ערגיץ-וואו איז דאָ יענע היים, ווען דער טאַטע האָט אויף דער נאַכט געלערנט און ער איז אויפ'ן טיש איינגעשלאָפען ביים טאַטענ'ס גמרא-ניגון, ערגיץ-וואו איז זי דאָ, יענע היים — פון דער מאַמען, ווען זי איז געשטאַנען און האָט אַ ליכט אָנגעצונדען...

נור טיילמאָל אויף דער נאַכט, ווען דער טאַטע איז דאָ און ער פערדעמט די גמרא, און געהט צו צום טאַטען און מישט איהם אויף דעם לעצטען שיעור, און דער טאַטע זעצט זיך אַנידער מיט איהם און לערנט מיט איהם דעם שיעור אַדורך הויך אויפ'ן קול מיט'ן גמרא-ניגון, — דאַכט זיך איהם, אַז ער איז ווידער אין דער אַלטער היים — אַז ער האָט עפּעס צוריק געפונען — און ביידע, פאָטער און זוהן, פיהלען זיך צוריק נאָהענט, און האָבען זיך ביידע פערבענקט נאָך דער אַלטער, אַלטער היים, פון וועלכער זיי זענען ביידע אַזוי פרעמד אָבגעריסען געוואָרען...

אַזוי האָבען פאָטער און זוהן אַלע אויף-דער-נאַכט זיך צוריק

נעפונגען בײַ דעם גמרא־לערנען אין דעם גרױס פרעמדען ניו־יארק.

עס איז געקומען די צײַט אין מען האט יוסעלע'ן געמוזט אין „שקול" אפגעבען.

מען איז שױן געװען אײניגע מאל און געפרעגט אױף אידם.

די מוטער האט אידם בײַ דער האנד אנגענומען. בעריל איז מיטגעגאנגען און מען האט יוסעלע'ן צו דער „שקול" געפֿירט.

אַרײַנגעקומען אין אַ גרױס הױז, האט יוסעלע מורא געקראגען. נור געזעהן װי בעריל פֿירט זיך הײמיש דארט, גריסט זיך מיט אלע, איז ער אַ ביסעל רוהיגער געװארען. בעריל האט זײ אַרײַנגעפֿירט אין די קאנצעלאריע אַרײַן. װי מען האט יוסעלע'ן פֿערשריבען (א, לאנג, האט די מוטער געמוזט טענה'ן מיט אידם, ביז זי האט גע'פועל'ט, אַז דאס יונגעל זאל דאס היטעל אויסטהין — פֿערהאלטען זיך מיט בײדע הענד דעם קאפּ). ער האט פֿערװאונדערט אנגעקיקט בערלען, װי ער שטעהט און טענה'ט זיך אױס מיט אַ דױטשען גוי אױף גױ'איש און ער האט גאר קײן מורא נישט. דערנאך האט בעריל יוסעלע'ן בײַ דער האנד אנגענומען און אַרײַנגעפֿירט אידם אין אַ גרױסען זאל אַרײַן.

יוסעלע האט נישט געװאלט אַרײַנגעהן, ער האט מורא געהאט, מיטגעצױגען די מאמען:

— קום מיט.

— גײה, קינד, גײה, האב נישט קײן מורא, זעהסט דאך — בעריל איז דאך אױך דארט!

נור װי יוסעלע איז אין דעם גרױסען זאל אַרײַנגעקומען, אזױ איז ער ערשטױנט געבליבען — אַזאַ שטוב האט ער נאך נישט געזעהן, גרעסער װי אַ שוהל, להבדיל, אין אַלע קינדער זיצען אַרום אױף שטוהלען. ער האט נישט בעמערקט, װי מען האט אידם אַװעקגעזעצט אין אַ שטוהל, — ער האט געקוקט אױף דעם בעלעמער. דארט זענען געשטאנען שורים מיט שורות'טעם און מען האט געשפּיעלט אױף אַ כלי־זמר, װאס האט געמוזט זײַן אַן ארגעל, און װאס אַ איד טאר נישט הערען, װארום אין בית־המקדש האט געמוזט זײַן אַזאַ כלי־זמר. דער ארגעל האט געשפּיעלט און

די קינדער האָבען אַלע מיטגעזונגען אַליעדר, וואָס ער האָט נישט פערשטאַנען. נור עס איז אַזוי שען געווען, אַז מען האָט עס נישט אודאי געטאָרט הערען. נור איבערהויפּט דער אָרגעל, — דאָס קול איז עפּיס געווען אַזוי מאָראַליש, און עס האָט אַזוי געדונערט איבער דעם הויכען גרויסען זאַל, אַז יוסעלע איז געבליבען זיצען און איז דערשראָקען געוואָרען פאַר דעם קול און טרערען האָבען זיך איהם געוויזען אין די אויגען. וואָרום דאָס קול איז געווען זעהר זיס און שטאַרק, און עס האָט געצויגען דאָס האַרץ — אין בית־המקדש האָט מען געמוזט אַזוי שפּיעלען — און דאָ זיצט ער אָהן אַ פערדעקטען קאָפּ, און הערט זיך אַיין צום אָרגעל. נור באַלד האָט דאָס געזאַנג אויפגעהערט. די קינדער האָבען זיך אַנגעהויבען מיט רעש צו צוגעהן, און ער איז מיגר־ וואונדערט געוואָרען, ווען ער האָט געזעהן, ווי בערעל געהט צו צו איינער פון די שוועסטער און רעדט מיט איהר אַזוי גלייך און פרעהט זיך מיט איהר און האָט גאָר נישט קיין מורא פאַר איהר. און באַלד קומט דיזעלבע שוועסטער צו צו איהם, בערעל ווייזט עפּיס מיט דער האַנד אויף איהם און רעדט מיט איהר.

די שוועסטער געהט צו צו איהם און נעהמט איהם אָן מיט דער האַנד ביים קינדעל און קוקט איהם אָן מיט אַזאַ ליעבליכען שמייכעל און רעדט עפּיס צו איהם. יוסעלע ווערט פערשעמט פאַר איהר, לאָזט אַראָב דאָס קעפּעל, בעהאַלט די אויגען. זי הויבט איהם אויף דאָס פּנים און ווידער שמייכעלט זי אַזוי ליעבליך צו איהם און גלעט איהם מיט דער האַנד איבער'ן קעפּעל. יוסעלע ווערט זעהר פערשעמט, און דאָס פּנים ווערט איהם רויט. אַ פרעמדע שוועסטער, און נישט די מאַמע... באַלד נעהמט זי איהם אָן ביי דער האַנד און פיהרט איהם אַרויס פון זאַל. ער קוקט זיך אום נאָך בערלען, בערל איז שוין לאַנג נישטאָ, און דאָ נעהמט איהם אָן די שוועסטער ביי דער האַנד און שפּרינגט מיט איהם אין האָפּסט מיט איהם איבער'ן זאַל, אַרויף איבער טרעפּען, און רעדט אַלץ צו איהם און שמייכעלט אַלץ צו איהם, און דערצעהלט איהם, און ווייזט איהם מיט די הענד. יוסעלע ווייסט נישט, וואָס זי וויל,

ווייסט איבערדייפּט נישט, וואס ער טהוט זיך מיט איהם. עפּיס איז עם ווי אין א חלום. און וואס טהוט ער דא, און ווער איז די שרדה׳טע? באלד ברייננט זי איהם ווידער אין א זאל אריין. קינדער זענען דארט, און ווי זיי האבען זי דערזעהן, זענען זיי זי בעפאלען מיט לאכען און פרייד. זי ווייזט די קינדער אויף יוסעלע׳ן און אלע קוקען יוסעלע׳ן אזוי נייגיריג אן, און זי נעהמט איהם ביי דער האנד און זעצט איהם הינטער א שטענדער אוועק, און נעהמט פּאפּיר און לעגט פאר איהם, און א בלייששטיפט גיט זי איהם אין האנד אריין, און ווייזט איהם אויף א מענשעלע, וואס שטעהט אויסגעמאלט אויף א טאבעלע, און הייסט איהם, אז ער זאל נאכמאלען דאס מענשעלע, און געהט איבער צו די אנדערע קינדער.

יוסעלע זיצט מיט דער בלייששטיפט אין דער האנד און הויבט זיך אן ביסלעכווייז ארומצוקוקען, וואו ער געפינט זיך דא. די זון שיינט אריין דורך די גרויסע אפענע פענסטער, דיזעלבע זון, וואס האט אריינגעשיינט ביי דעם רבי יצחק יוחעלי׳ם דארט אין לעשנא, נור דארט איז געווען א שטיקעל זון און דא איז א גאנצע זון. און דא איז אלץ גרעסער. נור דארט זענען געווען יודישע חברים; משה׳לע דעם רבי׳ס איז געזעסען נעבען איהם, און געגענאיבער האט ער געהאט שלמה יעקב׳ן דעם הונ׳ס, און די גמרות זענען אפען געלעגען און אלע האבען געזאגט הויך אויפ׳ן קול, און דער רבי האט זיך ארומגעדרעהט מיט׳ן קאנטשיק אין דער האנד (און האט אכטונג געגעבען, אז מען זאל נישט ארויסקוקען פון גמרא ארויס, און קוים האט נור איינער באלאמוטשעט אויף א נייגעבליק, האט דער קאנטשיק געגעבען א פאל איבער דער נאז. מען האט געפיהלט דעם עול, דעם תכלית פון לערנען. און דא גיט מען איהם פאפיר מיט א פעדער און מען הייסט איהם באלאמוטשען און מענשעלעך מאכען, און מיידלעך זיצען דא אויך און מען לאכט ארום און מען שפיעלט זיך מיט די שרדות׳טעס און אלע באלאמוטשען.

און ווי ער קוקט אזוי אויף די זון, וואס שיינט אריין דורכ׳ן

פּענסטער, האָט איהם אַרויס בענקעניש אָנגעקומען נאָך יצחק־יודעל'ס חדר. אוי, וואָלט ער געוואָלט זעהן איצט משה'לען און שלמה יעקב'ן, אינאיינעם הויך אויפ'ן קול אָבזאָגען דעם שיעור און אויסטייטשען גוט דאָס תוספות'ל. און ווי ווייט מוזען זיי שוין דאָרט איצט זיין! אודאי הויבען זיי שוין אָן אַ נייע מסכתא, און דער שיעור איז שוין אודאי לאַנג געענדיגט, און דאָ זיצט ער נאָר און מען גיט איהם מענשעליך צו מאַכען. און וואָס טהוט ער דאָ? ווי קומט ער דאָ אַהער? וואו געפינט ער זיך?—

ער האָט געוואָלט וויינען, נור ער האָט זיך געשעמט פאַר די קינדער, פאַר אַלע אַרום, איז ער געבליבען זיצען ווי אין אַ פרעמדער וועלט, ווי דאָס וואָלט אַלץ אין חלום פאָרגעקומען.

באַלד רופט זיך עמיצער אָן צו איהם ווער.

ער קוקט זיך אום און דערזעהט דאָס יונגעל, וואָס איז געזעסען נעבען איהם מיט צושויבערטע האָר און שרעקליך ווילדע גויאישקע אויגען, רעדט עפּיס צו איהם אויף אַזאַ לשון, וואָס בישט ער און נישט די קינדער אַרום האָבען פערשטאַנען.

עס איז געוועזען אַ איטאַליענישע יונגעל פון סיציליען, קאָמע קאָמבאַס, וועלכער איז אויך, ווי יוסעלע, פון סיציליען דאָרף אָנגעקומען אין דעם גרויסען אַמעריקאַנער טאָפּ, די אַמעריקאַנער שקול, און זיצט שוין דאָ פיער טעג און פערשטעהט נישט קיין וואָרט, וואָס די קינדער רעדען, און קיינער פערשטעהט איהם נישט.

דאָס איטאַליענישע יונגעל האָט געפרעגט יוסעל'ן, אויב ער קומט אויך אַרויס פון דעם דאָרף „ציראַנע", פון וואַנען ער קומט. יוסעלע האָט נור מיט שרעק איהם אָנגעקוקט און אָבגערוקט זיך פון איהם. זעהט זיך אוים, אַז די פרעמדע סביבה און די אונפערשטענדליכקייט אַרום זיך האָט דעם איטאַליענישען יונגעל שוין אַזוי אויפגערעגט, אַז ער האָט זיך געוואָרפען אויף יוסעל'ן מיט די קולאַקעס שלאָגען.

די לעהרערין האָט עס באַלד בעמערקט, צוגעקומען, בערוהיגט דאָס היציגע איטאַליענישע בלוט פון דעם סיציליאַנער יונגעל, יוסעל'ן איבערגעזעצט אויף אַן אַנדער בײַנקעל.. געקוקט אויף איהם

אַזוי ליעבּליך און בּערוהיגט איהם מיט דער האַנד אויפ'ן קעפּעלע און געזאָגט צו איהם די יודישע ווערטער: „האָב נישט גאָ' מורא".

יוסעלע, וועלכער האָט דערהערט דאָס יודישע וואָרט פון דער שוועסטע, האָט זי אָנגעקוקט פערוואונדערט — פון וואַנען קען זי יודיש? — נור פון דעמאָלט אָן האָט איהר בּליק פון איהרע מילדע אויגען איהם בּערוהיגט, און ער האָט געהאַט צו איהר צוטרויען.

די לעהרערין, וועלכע איז אַליין אַרויסגעקומען פון רוסישע יודען און האָט אַלס קליין קינד פערלאָזט רוסלאַנד, וועלכעס זי האָט נישט מעהר געדענקט, האָט אָבער נאָך תמיד געבּענקט נאָך רוסלאַנד און האָט צו רוסלאַנד געפיהלט ווי צו אַ צווייטער היימאַטה, אָבער מעהרסטען איז איהר האַרץ געווען צוגעבּונדען צו יודישע עמיגראַנטען-קינדער, וועלכע קומען פון רוסלאַנד. אין זייער צושראָקענהייט האָט זי דערפיהלט דאָס גאַנצע גלות פון יודען אין רוסלאַנד און אַ גרויס רחמנות האָט זי אַרומגענומען צו די יודישע קינדער, וועלכע זי האָט זיך אַליין פאָרגעשטעלט אַלס אַזאַ עמיגראַנטען-קינד, ווען זי איז קיין אַמעריקאַ אַראָפּגעקומען. דאָס האָט זי זעהר צוגעבּונדען צו יוסעל'ן. אין זיינע דערשראָקענע אויגען און אין זיין ציטערן האָט זי דערזעהן דאָס גאַנצען עלענד, פערלאָזטקייט פון יודישען קינד אין רוסלאַנד. יעדעס קינד, וואָס איז געקומען פון רוסלאַנד, האָט איהר אַ גרוס אַראָפּגעבּראַכט פון גלות. איבּער דעם האָט זי זיך מיט בּעזונדערע ליעבּע געווענדט צו יוסעל'ן.

יוסעלע האָט דערפיהלט די ליעבּע אין איהרע אויגען, און האָטש ער איז אַזוי פרעמד געווען דאָ, דאָך האָט איהר בּליק און די צוויי יודישע ווערטער איהם דערנעהנטערט און היימישער געמאַכט. דאָך איז יוסעלע דורך די גאַנצע צייט פון דער לעקציע געזעסען ווי אין אַן אַנדער וועלט. און אַז בּעריל איז דערנאָך געקומען נאָך איהם און האָט איהם מיטגעשלעפּט אויף די גאַס אַרויס, אין גאָרטען אַריין, וואו די יונגען בּרעכען זיך, — האָט ער נישט געוואָלט, געוויינט, אַז ער זאָל איהם אַהיים פיהרען.

אַהיים געבּרענגט איהם, האָט זיך יוסעלע אויסגעזעצט אין

אַ ווינקעל. אומזיסט האָט די מוטער איהם געבעטען, ער האָט נישט געגעסען. ער האָט נישט געוויינט, ער האָט גאָרנישט גערעדט, נור ער איז געזעסען אין געשוויגען, געשוויגען און עפּיס בעהאַלטען אין זיך. די זון האָט אַריינגעשיינט, פון דער גאַס האָבען זיך אַריינגעריסען דאָס געשריי און פרייד פון די קינדער. ווידער האָט זיך דערהערט דער לייער־קאַסטען שפּיעלען. די מוטער האָט איהם ביי דער האַנד אָנגענומען און געוואָלט איהם אַרויספיהרען צו די קינדער, — האָט איהם אַרויסגעשטופּט פון שטוב, צוגעפיהרט איהם צו די שפּיעלענדע קינדער. יוסעלע האָט זיך אָבער צוריקגעקעהרט אין שטוב אַריין, צוריק זיך אוועקגעזעצט אין זיין ווינקעל און געשוויגען, געשוויגען. קיין וואָרט האָט ער נישט געוואָלט דערצעהלען פון דער שקיל, נור אַז דער פאָטער איז אויף־דער־נאַכט אַהיים געקומען, נאָכ'ן עסען, האָט יוסעלע אַרויסגענומען די גמרא פון שאַנק, צוגעגאַנגען צום פאָטער, זי אויפגעמישט, און האָט אָנגעהויבען מיט'ן פאָטער צו לערנען הויך אויפ'ן קול, און אַז זיי זענען אין מיטען בעסטען ניגון געווען, האָט יוסעלע פּלוצלונג אַזוי ביטער זיך צעוויינט, און טאַיר, האָט זיך אויפגעהויבען און אָנגעהויבען שפּרינגען איבער'ן שטוב הין און צוריק מיט גרויסע טריט, און געביסען זיך די באָרד אין מויל. און קיינער האָט ניט געפרעגט, וואָס איז געשעהן, פאַר וואָס און פאַר ווען — זיי אַלע דריי האָבען עס גאַנץ גוט געוואוסט. פאָטער־מוטער מיט'ן קינד האָבען זיך פערבענקט „נאָך דער אַלטער היים".

---

## דאס פינפצעהנטע קאפיטעל.

# אַ זומער טאָג אין ניו־יאָרק:

עס איז געווען אַ וואַרימער זומער־טאָג. ביי אונז וואָלט עס געהייסען אַ הייסער תמוז־טאָג, אין ניו־יאָרק איז עס אָבער געווען איינער פון די אַפּריל־טעג. אַ וואַרימער פייכטער ווינד האָט געבלאָזען פון אָפענעם ים און געלעגט זיך ווי אַ טומאַן

איבער די ניו־יאָרקער לופט. די פענסטער פון די טענעמענט־הייזער האָבען זיך אויפגעעפענט און אַלץ, וואָס האָט זיך געשטיקט אין זיי אַ גאַנצען ווינטער, האָט זיך אָנגעהויבען אַרויסצורייסען אין גאַס אַריין. די באַלקאָנען פון די הייזער, פון די פענסטער זענען פול געוואָרען מיט בעלעגטע זאַכען, בעטגעוואַנד און ווינטער־קליידער, מאַטראַצען און קישענס האָבען זיך פון יעדען פענסטער־לאָך געוויזען, די טרעפּלעך פאַר די טהירען האָט מען אָנגעהויבען צו בעניצען אַלס פאָרטזעטצונג פון דער שטוב, און די שטוב האָט זיך אַרויסגעריסען פון פערמאַכטען הויז און איז אַרויסגעגאַנגען אין דער גאַס אַרויס... מען האָט זיך אַרויסגעצויגען אויף די טרעפּלעך אין גאַס מיט קינד און קייט, מיט גאַנצע ווינדעלעך און ברודיגע האַנדטיכער. ווייבער אין אויסגעטהוענע קאַפּטאַנעס זענען געזעסען אויף די טרעפּלעך אין גאַס אַרויס און האָבען די קינדער געשטילט מיט זייערע נאַקעטע ברוסטען, האָבען זיך נישט געשעמט פאַר די פאַרבייגעהענדע, ווי עס וואָלט זיך נישט געווען מיט וואָס צו שעמען — ביי קיינעם איז נישט בעסער. יעדען ניו־יאָרקער איינוואוינער טרייבט דער זומער פון שטוב אין גאַס אַרויס. פון די אויסגעלעגטע זאַכען איז די לופט פול געוואָרען מיט פעדערן און עפּעס שטיקענדעס. און איבער די קעפּ, איבער די גאַסען איז געלעגען אויסגעשפּרייט דער אייזערנער וועג פון דער שטאָדט־באַהן, און פון מינוט צו מינוט האָט זיך געהערט דער רעש פון אַ דורכלויפענדען צוג און האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ געשטאַנק און קאָרוש.

איבער דער גאַס האָט זיך פּלוצלונג דערהערט אַ קינדישע מוזיק שפּיעלען, פייקלעך האָבען געפּויקט און פלייטעלעך האָבען געקוויטשעט אַן אַמעריקאַנער זאַנג. באַלד דערויף האָט זיך געוויזען אַ שאַר פון קינדער. פערשטעלטע אין אויסגעציהרטע אין פערשיעדענע קאָלירטע פּאַפּיר־קאָסטיומען, זענען זיי געגאַנגען אונטער די טענער פון אַ קינדער־מוזיק. דאָס איז געווען אַ „מאַי־פּאַרטיע". די פּאַבליק־שול, אין וועלכער יוסעלע האָט געלערנט,

האָט געפֿירט איהרע קינדער אין צענטראַל-פּאַרק (אין שטאָדט-גאָרטען) צו פֿערגוויילינג. פֿרידער איז געגאַנגען די לעהרערין, מיס איזאַבעל, דיזעלבע, וועלכע האָט יוסעלן אַזוי פֿיין צוגעגעבען בײַ זײַן ערשטען אַרײַנטריט אין דער שול און האָט געהאַלטען יוסעלן בײַ דער האַנד, וועלכער איז גאָרנישט געווען צו דערקענען. יוסעלע האָט געזאָלט זײַן דער פֿאַקעל-טרעגער פֿאַר דעם „קעניגליכען פֿאָר", וואָס איז געגאַנגען נאָך איהם הינטער אַ בלאָהע, שטערן-בעזעצטע חופּה. יוסעלע האָט געהאַט אויף זיך אַ ווײַס העמדעל מיט אַ בלאָהען לאַמפּאַס און אַ פֿאַפּירענעם הוט מיט אַ טראָלט און האָט געהאַלטען אַ שטורקאַץ אין דער האַנד. אָבער יוסעלע האָט זיך פֿאָראויס געשלעפּט מיט זעהר אַ שווערען יודישען געמיטה, און זײַן קאָפּ איז איהם נישט געשטאַנען צו די נאַרישקײַטען, און ער האָט נישט געוואוסט צו וואָס מען שלעפּט איהם דאָ מיט. די קינדער, וועלכע זענען בעשטאַנען פֿון אַלע נאַציאָנען פֿון דער וועלט, פֿון אַלע טײַלען פֿון דער וועלט, זענען איצט געווען גרופּירט אין איין קינדער-לעגענדע. נאָך דעם „קעניגליכען פֿאָר" איז נאָכגעגאַנגען זייער פֿעלד-יעגער. דאָס איז טאַקע געווען דאָס איטאַליענישע יונגעל, קאָטאַ קאָמבאַס, וואָס האָט שוין איצט ענגליש פֿערשטאַנען, און אַ רויטען הוט, ווי אַ גלית, האָט ער נאָכגעפֿירט זײַן געליעבטען הונד, וועלכער איז אויך געווען בעפּוצט פֿון קאָפּ ביז צום וויידעל אין פֿערשידענע קאָלירטע פֿאַפּירען, און נאָך איהם די קינדער, אַלס פּאַזשען, גענערעלער, וואַלד-גזלנים און שקלאַפֿען. די קינדער זענען געווען אויפֿגערוימט, די מוזיק האָט געשפּיעלט פֿאָראויס פֿאַר זיי, און זיי האָבען זיך געהאַלטען אין טאַקט. די יונגען זענען געגאַנגען שטראַנג, געקלאַפּט מיט די פֿיס זעלנעריש, די מיידלעך האָבען בלומען פֿערשפּרייט איבער די טראָטואַרען און געמאַכט פּאַראַד פֿאַר דעם קעניגליכען פֿאָר, אַ סך מוטערס זענען נאָכגעגאַנגען נאָך די קינדער, האָבען אין די קינדער-וועגעלעך נאָכגעפֿירט די יונגערע ברידערלעך און שוועסטערלעך, וועלכע האָבען אויך געוואָלט זײַן

ביי דעם „מאי-פאראד“, האבען אין די קייבערלעך צו עסען נאכגעטראגען, און צווישען אלע האט געהערשט א גוטע קינדער-שטימונג, גליקליך איבער די ליעבע זין, וואס האט זיך אריינגעריסען צווישען די אייזערנע וועגען, וועלכע זענען געלעגען איבער זייערע קעפ, און האט בעגאסען די קינדער מיט פרעהליכע זומער-שטראהלען.

יוסעלע אבער, נור איין יוסעלע, נישט ער האט דאס פלייטען-שפיעל געהערט, נישט ער האט דאס קינדער-לאכען פערנומען, וואס האט ווי פריש וואסער ארום און ארום אבגעקלונגען. נישט דאס פרעהליכע זומער-ליכט האט זיין מוטה ערהייטערט. ווי א נאלטער ייד, זאט אין צרות, געהט ער דא צווישען די קינדער א פערשטעלטער, מיט אנ'אבגעקריידט פנים, אין א פאפירענעם הוט און מאכט זיך צו-נארען אין מיטען שענעם טאג. און וואס וועט דער תכלית זיין? דער „תכלית“ האט צו-מייסטען געפוקט אין דעם קעפעל פון דעם קליינעם ייד. דארט, אין חדר-היים, זיצען די חברים ביי יצחק יודעלים און ווייט, ווייט האלטען זיי שוין אודאי אין דער מסכתא, — און ער איז איינגעטונקט אין די הבלים פון דער וועלט! — און וואס וועט דער סוף זיין? און דער טאטע איז א גאנצען טאג אין שטוב נישטא, ארבייט, אויף-דער-נאכט קומט ער אהיים, איז ער מיעד, שלאפט ער, און די ברידער זענען גוים, גוים ממש, אין ארום און ארום איז גלות, — און וויפיעל מאל קומט אום איהם אליין ביישטעהן דעם יצר-הרע, מען אוילט זיך מיט'ן דאווענען, פערפעהלט שטיקער, און היינט גאנצע טעג אהן הימלען זיצען — און קיין צורת אות נישט זעהן — ער פערגעסט, פערגעסט אלץ... אומזיסט האט איהם די מום איזאבעל, וועלכע האט איהם איצט געהאלטען פעסט ביי דער האנד, איינגע מאל אויפגעוועקט, געקוקט איהם ליעבליך אין די אויגען אריין און געפרובט איהם צו ערהייטערן, איז אליין מיט איהם פארויס-געגאנגען און אנגענומען די מינע פון די קינדער און געטרעטען מיט די פיס אזוי ערנסט, ווי זיי. און איהרע וויכע

האָר האָבען זיך איהר צולאָזט, און אינ'ם קורצען קליידעל, פון וועלכען מען האָט איהרע קליינע קינדישע פיסלעך ארויסגעזעהן, מיט דעם קינדישען שמייכעל אויף די ליפען, — איז זי אַליין געגליכען געוועזען צו איינס פון די קינדער, און מיטגעפרעהט זיך מיט די קינדערס פרייד. אָ, אומזיסט האָט זי געפרובט יוסעל'ן צו ערהייטערן, — האָט איהם גערופען: „דעאַרל: נג. האָ איז ד'מערי וויט יאָה?", און זי האָט איהם ביי דעם הענדטיל געצויגען און פאַרויסגעגאַנגען מיט איהם, געלאָפען מיט איהם, דערהויבענדיג הויך זיין האַנד מיט'ן פאַקעל. יוסעלע האָט דעם קאָפּ צו דער ערד געבויגען און פערשעמט זיך פאַר איהר.

די מענשען אין גאַס האָבען מיט ליעבע נאָכגעקוקט די קינדער, און מיט יענעם קולט צו קינדער ווי נור די אַמעריקאַנער פערשטעהען, האָט מען די שפּאַצירענדע קינדער מיט פרייד אויפגענומען. די מענשען האָבען זיי נאָכגעפּאַטשט בראַוואָ מיט די הענד. די פּאָליס-לייט האָבען אָבגעשטעלט אַלע טראַמוויי און וועגען אין די קינדער דורכגעלאָזט. פון די הייזער האָבען מוטערס זייערע קינדער ארויסגעפיהרט און זיי צוזאַמענגעהאָפטען מיט דעם מאַי-פּאַראַדע, און וואָס לענגער זיי זענען געגאַנגען, איז די גרופּע געוואָרען גרעסער, זענען וואָס מעהר מוטערס צו זיי צוגעקומען און די קינדער אין גאַרטען בעגלייט.

אין דעם שענסטען גאַרטען פון ניו-יאָרק, אין „צענטראַל-פּאַרק", וועלכער שטעהט אין מיטען דער שטאָדט, האָט די שטאָדט דעם שענסטען מיט גראָז-בעוויידעטען פּלאַץ פאַר די קינדער אָבגעגעבען צו שפּיעלען. דאָס גרויסע אינענדליכע גרינע פעלד, וואָס האָט זיך געצויגען אויף אַ הויגעל אַרויף און האָט זיך אַראָבגעלאָזט אין אַ גרינעם אויסגעבעטענעם טהאָל, איז געוועזען אויסגעזייהט מיט קינדער, וועלכע האָבען אין זייערע בונטע פערשיעדען-פאַרביגע פאַפּירענע קאָסטיומען אויסגעזעהן ווי אַ פעלד, וועלכעס איז בעשאָטען אינגאַנצען מיט פערשיעדען-פאַרביגע מי-ליפּאַנען, וואָס לויפען אַרום איבער אַלע ווינקעלעך פון פעלד...

די קינדער פון פערשיעדענע שולען האבען זיך באלד צוזאמענגעמישט, די לעהרערינס האבען איינגעארדענט פאר זיי פערשיעדענע שפיעלען און זענען אליין ארומגעלאפען מיט די קינדער; די מיס איזאבעל האט זיך געיאגט מיט איינינע מיידלעך, הערבייזענען אירע וויכע האהר צופאלען און זי האט זיך מיט די קינדער אנגעהויבען ארומצוקוילערן איבער דעם גרינעם, ערשט אבגעשניטענעם גראז; פון פערשיעדענע אנשטאלטען האט מען די קינדער פראוויאנט צוגעשיקט, דא און דארט האבען זיך קינדער אויסגעזעצט עסען, און א קינדער-מוזיק האט געשפיעלט פאר זיי. די מיס איזאבעל האט זיך געהאלטען אין איין יאגען מיט אירע צוויי חברטארינס, און איינס האט דאס אנדערע מיט אבגעשניטען גראז בעשאטען. אין דעם האט זי דערזעהן יאסעלען, ווי ער זיצט אליין הינטער א בוים, אבגערוקט פון די קינדער און קוקט זיך צו צו די שפיעלענדע, און א שמייכעל, וואס דריקט אויס אי צער, אי איראניע, אי גלייכגילטיגקייט צו אלעם און צו זיך, שפיעלט אויף דיין בלייך פנימ'ל. זי האט זיך נעבען איהם אוועקגעזעצט און אנגעהויבען מיט איהם ריידען.

יאסעלע האט נאך נישט פערשטאנען קיין ענגליש, האטש ער איז שוין צוויי-דריי וואכען אין שול. דאך האט ער שוין פערנומען דעם קלאנג פון דער שפראך און נעבעלדיג בעגריפען דעם אינהאלט פון א זאץ, נישט צו פערשטעהן די בעדייטונג פון יעדען ווארט בעזונדער. נור אם בעסטען האט ער פערשטאנען דער מיס איזאבעל'ס ענגליש. ער האט אין אירע אויגען, אין דעם שמייכעל פון אירע ליפען געפיהלט וואס זי וויל זאגען, און זינט ער האט געהערט פון איהר די צוויי יודישע ווערטער, איז ער געוועזען צו איהר זעהר נאהנט. מעהרסטען האט ער געהאלטען דעם קאפ אראבגעלאזט, און ער האט זיך זעהר געשעמט אין איהר געגענווארט און איז רויט געווארען. די מיס האט זיך אויך צו דעם קינד געפיהלט זעהר נאהנט און האט איהם זעהר ליעב געהאט. און וואס מעהר יאסעלע האט זיך געפיהלט פרעמד אין דער שול, אלץ גרעסער איז ביי איהר גע-

וואָרען דאָס געפיהל פון רחמנות צו איהם. זי האָט אין דעם שוויגען, אין דעם טרויעריגען געמיטה פון קינד געזעהן די גאַנצע אָרימקייט פון דעם יודישען פאָלק און האָט איצט בעצאָהלט, מיט דער ליעבע, וואָס זי ווייזט אַרויס צו דעם פער־יתומ'טען קינד, איהר חוב צו איהר פאָלק, דאָרט ווייט, אין דעם פרעמדען רוסלאַנד.

ווארום אין דעם פרעמדען, ווייטען רוסלאַנד האָט זי אַ פאָטער געלאָזען. די מוטער איהרע האָט זיך געגט מיט איהם און איז אַראָבגעקומען מיט אַ פרעמדען מאַן, ווען זי איז אַ יאָהר אַלט געווען. איהר פאָטער האָט זי נאָך קיינמאָל נישט געזעהן און קיינמאָל נישט געהערט פון איהם. אין יוסעלעס בלייך גע־זיכט, אין זיינע טרויעריגע אויגען האָט זי געוואָלט איהר פאָטער דערזעהן, דעם פרעמדען פאָטער, וואָס זי האָט געלאָזען אין דעם ווייטען, פרעמדען רוסלאַנד. ווען זי האָט איצט יוסעלעס איינגעבויגען קעפעל דערזעהן הינטער'ן בוים זיצען, האָט זי אַ געפיהל אַרומגענומען — „איהר פאָטער". זי איז צוגעגאַנגען צו איהם, האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבען איהם, לאַנג האָט זי איהם געקוקט אין די שוואַרצע אויגעלעך אַריין און בעטראַכט זיין בלייך געזיכטעל, וואָס איז וואָס אַמאָל מעהר בלייכער גע־וואָרען זייט ער איז אין אַמעריקאַ. אָן קיין וואָרט צו זאָגען, האָט זי אַליין איינאיינעם דאָס יונגעל בעטראַכט און פון איהר פאָטער געקלערט, וואָס זי האָט ערגיץ דאָרט. זעהט ער אויך אַזוי אויס ווי ער? און האָט ער אויך אַזאַ שווער יודיש געמיטה און אַזעלכע טרויעריגע אויגען? און וועגען וואָס קלערט ער? וואָס טהוט זיך שוין דאָ אין דעם קליינעם קעפעל?—האָט זי ביי זיך געטראַכט. וואָס זוכט עס? און פאַרוואָס איז עס אַזוי טרוי־עריג? גאָט, אַזוי טרויעריג! — האָט זי זיך געטראַכט — און עס האָט זיך איהר פאָרגעשטעלט אַ בילד פון איהר פאָטער. מיט אַזעלכע טרויעריגע אויגען ווי יוסעלע, אַזוי געהט ער ערגיץ דאָרט איבער די ווייטע סטעפּעס פון רוסלאַנד מיט זיין פעקיל איבער די פלייצעס, שפּרייזט ער דאָרט ערגיץ־וואו, איבער די

לאַנגע וועגן פון דעם גרויסן רײַכישן לאַנד, און האָט אַזאַ טרויעריג געזיכט, און אַזעלכע טרויעריגע אויגן ווי דאָס קינד האָט, און אַלע ייִדן האָבן דאָרט אַזעלכע טרויעריגע אויגן, אויך געזען אַזוי די קעפּ אַראָפּגעלאָזט, אין אַזעלכע שווערע געמיטער.

זי האָט יאָסעלעס קעפּעלע אויפגעדעקט און געפרעגט איהם וואָס ער האָט דעם ראַץ געהאַט, וועגן וועלכן זי האָט שוין געהערט פון בערלען, אַז מען האָט יאָסעלען צוערשט נישט אַרײַנגעלאָזט קיין אַמעריקאַ.

יאָסעלע האָט געוויזן אויף אַן אָרט אין קעפּעלע.

זי האָט לאַנג באַטראַכט יאָסעלעס קעפּעלע, און האָט אין דעם ראַץ געזעהן די גאַנצע אָרימקייט פון ייִדישן פאָלק, ווי עס וואָלט אַ סימבאָל געווען איבער דעם אומגליק פון ייִדישן לעבן.

— און איבער דעם האָט מען דיך צוריקגעשיקט?

— יאָ. האָט יאָסעלע אָפּגעענטפערט אויף ייִדיש, פערשטעהענדיג איהר פראַגע.

— און ווי אַזוי ביזטו אַליין אַהינגעקומען? — האָט זי געפרעגט האַלב ייִדיש, האַלב ענגליש.

— גוטע מענשן האָבן רחמנות געהאַט, אָפּגעפיהרט אַהיים.

זי האָט זיך איין מינוט דערמאָהנט אָן זיך. אין האָט זיך געזעהן אַלס יעדריג קינד, ווי די מוטער איז מיט איהר אָנגעקומען צום ברעג פון אַמעריקאַ, מיט דעם קינד אויף דער האַנד. זי האָט געקאָנט האָבן דעם אייגענעם ייִדישן ראַץ, ווי דאָס ייִדישע קינד, אין זי וואָלט אויך געהאַט אַזעלכע טרויעריגע אויגן, און אַזאַ שווער געמיטה, ווי דאָס קינד האָט שוין. און זי האָט מיט אַמאָל דערפיהלט איהר גאַנצע נאָהנטקייט, איהר גאַנץ בשותּפותדיגעס, וואָס זי האָט מיט דעם ייִדישן קינד.

זי האָט פּלוצלינג אַרומגענומען יאָסעלעס קעפּעל און מיט

קושען עס בעדעקט, און פון איהר האַרץ האָבען זיך אַרויס-
געריסען די איינציגע יודישע ווערטער, וואָס די האָט געקענט:

— מיין אָרים, אָרים יודיש קינד!

און יוסעלע האָט דערפיהלט אויף זיין פּנים איהרע וואַרימע טרעהרען.

---

## דאס זעכצעהנטע קאפיטעל.

# אין אָווענד.

אַז יוסעלע איז אַהיים געקומען, איז דאָס גאַנצע געסעל, וואו די האָבען געלעבט, פול געווען מיט ליכט און לעבען. אַלע קינדער זענען אין גאַס געווען און אַלע פאַמיליעס זענען אויף די טרעפּלעך פון זייערע הייזלעך געזעסען. דאָ און דאָרט האָבען זיך שטורקאַצען אָנגעהויבען אָנצינדען פאַר די שטענדערס מיט די סחורות, וואָס זענען געשטאַנען אין געסעל. און די גאַס, וואָס האָט נור אַ גאַנצען טאָג ווייבער און קינדער געזעהן, האָט זיך אָנגעהויבען אָנצופילען מיט מענער און יונגע-לייט. צוערשט זענען די געגאַנגען קופּקעסווייז, נור וואָס אַמאָל מעהר, ווי די נאַכט-שטונדען האָבען זיך אָנגעהויבען אָנצורוקען, האָט זיך דאָס געסעל צו שוואַרצען אָנגעהויבען פון מחנות מענשען. עס זענען געווען די אַרבייטער, וואָס האָבען זיך אָנגעהויבען אַרויסצושטעלען פון די שאַפּס און וואַרשטאַטען אַהיים פון דעם גאַנצען טאָג אַרבייט. פון מינוט צו מינוט האָט געקלאַפּט דער עלעוועטער (די שטאָדט-באַהן) איבערן קאָפּ, אָבגעשטעלט, אַרויסגעשפּיגען פון זיך אַ שוואַרצע מחנה און ווייטער געלאָפען, און ווי ווערימלעך האָבען זיך די מענשען אָנגעהויבען צו צושיטען איבער אַלע זייטען פון גאַס. די פאַרקויפער האָבען אָבגעטראָטען פון די טראָטואַרען, זענען אין די ברייטע גאַסען אַרויס, האָבען אָנגעצונדען זייערע שטור-קאַצען און אויסגעלעגט זייערע סחורות, און וואָס מעהר די נאַכט-שטונדען האָבען זיך אָנגערוקט, זענען די גאַסען אַלץ לעבעדיגער גע-

וואָרען. עס האָט זיך געדאַכט, אַז די איינוואוינער פון דער גאַס האָבען פערשפּעטיגט דעם טאָג. און הויבען איצט ערשט דיזער פריה-מאָרגען אָן, קויפען ערשט איצט די מאָרגען-צייטונגען, וואָס יונגלעך לויפען מיט זיי אין גאַס אַרום. אַלע באָרען, אַלע שיינקען פילען זיך אָן מיט מענשען; אַלע קענדע-סטאָרס זענען פול מיט יונגע-לייט, ווייבלעך לויפען אין די קראָמען אַרום, קויפען איין עסען, פאַטערס שטעלען זיך פאַר די שטעלען אָב, קויפען זייערע קינדער מתנות.

און וואָס אַמאָל מעהר, ווערט דאָס לעבען גרעסער אין געסעל. קינדער פילען אָן די גאַס, וואַלגערן זיך אין די רינשטאָקען, צווי־שען די פיס פון די פאַרבייגעהענדע, קיינער זאַמעלט זיי ניט איין, קיינער קוקט זיך נישט אויף זיי אַרום, ווי די גאַס וואָלט איין גרויסע שטוב געווען. די טראָטואַרען ווערען פול מיט שפּאַצירענדע מיידלעך און בחורים, וועלכע געהען אָנגעטהון אין קאַפּעלישען מיט ברייטע ראַנדען, דער עלעקטריק הויבט זיך אָן אָנצוצינדען פאַר די טעאַטער-האָלס און קינעמאַטאָגראַפען און בעגיסט דאָס גאַנצע געסעל מיט ליכט; די קאָמעדיאַנטען רופען די פאַרבייגע־הענדע אין זייערע צירקען; לייער-קאַסטענס שפּיעלען, קינדער טאַנ־צען אין גאַס און זינגען, קרעמער שרייען, רופען זייערע קונים, יונגלעך שלעפּען צונויף פּאַפּיר אין גאַס, צינדען פייערס אונטער, קלאַפּען מיט באַלען, ווייבער לויפען אַרום מיט אייז-קרעם און זאָדע־וואַסער; מענער, ווייבער, קינדער, האַלב נאַקעט, עסען אויף די טרעפּלעך פון זייערע הייזער ביי דעם ליכט פון די שטורקאַצען און עלעקטרישע לאָמפּען; די פענסטער פון די שטיבער זענען פינסטער, די הייזער ווערען פערלוירען, און די גאַנצע גאַס ווערט איין גרויס, גרויס לעבען, וואו אַלע איינוואוינער מישען זיך אויס, קאָכען זיך צונויף מיט ווייב און קינד אין דעם עלעקטרישען ליכט פון די צירק-האָלס, זיי ווערען פערטרינקען אין די טענער פון די לייער-קאַסטענס און אין די געשרייען פון די סוחרים. און איבער זייערע קעפּ קומען צולויפען פון מינוט צו מינוט די גלעזוועטערס, ווי חיות רעות מיט פלאַמענדיגע אויגען, און אַלץ ווערט פערטויבט אין זייער רעש...

ווי אויך אַנ׳אַנדערער וועלט איז יוסעלע געזעסען אין אַ ווינקעל אויף די טרעפּלעך און האָט מיט שרעק געקוקט אין גאַס אַריין. די ליכטער און די געוואַלדען, וואָס האָבען דאָס גאַנצע געסעל אין זיך אַריינגענומען, האָבען אויף איהם אַ שרעק אָנגעוואָרפען, און ער האָט זיך באַהאַלטען אין דער טונקעלער שטוב. נור אין שטוב איז וועדער היימיש געווען — האָט איהם די מוטער קוים אויף די טרעפּלעך אַרויסגעשלעפּט פאַר׳ן הויז. דער פאָטער, מאיר, ליעגט אין העמד און קאַפּעל אויף אַ שטוהל, און איז געפאַלען פאַר מידקייט און שלאָפט; ווייט דאָרט אין געסעל לויפען היים און בעריל אַהים, די מוטער זיצט אויך אויף די טרעפּלעך און דרעמעלט אין דעם רעש, וואַרפט דעם מידען קאָפּ אַהין און צוריק — און יוסעלע קוקט אַמאָל אויפ׳ן פאָטער, אַמאָל אויף דער מוטער און חלומט פון עפּיס ווייט, גאַנץ ווייט. ער הערט נישט דאָס רעש, ער זעהט נישט דאָס ליכט, ער דערמאָהנט זיך אָן דאָס געסעל אין לעשנאַ זומער-פאַרנאַכט: פון בית-המדרש הערט זיך דעם פּרושים קול תורה, די לבנה שפּאַצירט אַליין איבער׳ן געסעל אויפ׳ן בית-עולם אַרום — און זיין פאָטער, און זיין מוטער — ער קוקט זיך אַרום, — און די גאַס, — און דערפיהלט זיך מיט אַמאָל אַזוי פרעמד, אַזוי עלענד און אַליין. דאָ איז דאָס נישט דער פאָטער, וועגען וועלכען ער האָט געחלומט דאָרט, אין לעשנאַ — אַ מיעדער בעל-מלאכה, זיצט און שלאָפט, אָבגעאַרבייט אַ גאַנצען טאָג, קיין קול תורה הערט מען שוין נישט פון זיין מויל אַרויס, קוים ער דערוואַכט; און עפּיס איז די מאַמע אויך דאָ אַנ׳אַנדערע געוואָרען — און אַלץ, אַלץ איז אַנדערש. די מוטער וועקט זיך און ריפט האַלב אין שלאָף: „געה, יוסעלע, געה צו די קינדער שפּיעלען" — און מיט אַמאָל נעהמט עס איהם אַזאַ וועהטאָג אַרום, דאָס קעפּעל הויבט איהם אָן צו דרעהען, די אויגען צו שווינדלען. ער לעהנט אויך אָן דעם קאָפּ אויף די שטיינערנע טרעפּלעך, די אויגען פערמאַכען זיך, און אַ מידקייט פאַלט אָן אויף איהם. קוים-קוים קלערט ער נאָך פון עפּיס. אין דער פינסטערקייט, צוגעמאַכט די אויגען, זעהט ער דאָס בית-המדרש׳ל פון

לעיכא האלב אין טומאן; יצחק ידעל'ס חחי, דאס שיינקעל געגענאיבער דעם טיש; צווײ בוימער שטעהען פאר דעם גויאישקען בעדנער'ס טהיר, די בוימער רוישען איצט, און יונגלעך ווארפען שטיינער אויף די בוימער און קלויבען חראבענשעס, זשאבעס ברימען אין טייך — און ווער לערנט דארט, איז עס דעם טאטענ'ס קול? זיס, זיס ציהט עס זיך איבער דער שטוב. דערצעהלט עס דען פון חורבן בית=המקדש, וואס שטעהט אין דער גמרא? — און טינקעל ווערט אלץ מיט אמאל, באלד ווערט ליכטיג. אלץ מיט א מאל, — א מינוט ליכטיג, א מינוט טונקעל. פלוצים ווערט אלץ אין מיטען אבגעהאקט — — —

יוסעלע'ס צוהיצט קערפער'ל האט זיך א מידער אריגעוואלגערט ווי א שמאטע, ווי א שטיק פאפיר, איבער די טרעפלעך אין דעם רעש און געוואלד פון גאס; און די שטורקאצען האבען געברענט, דאס עלעקטרישע ליכט האט זיך געגאסען, און די לייערקאסטענס האבען געשפיעלט, און די ווייבער, מענער און קינדער האבען געשריגען, און דער עלעוועטער האט געקלאפט, און איבער דעם אלעם האט געבלאזען א נאסער ווארימער שטראם פון ים, די צוהיצטע מויערן, שטיינער און אייזענס האבען פון זיך די ווארימקייט ארויסגעלאזט, וואס זיי האבען געהאט אין זיך אריינגענומען דורך דעם גאנצען טאג פארעווען זיך אין דער זון, און דער אויר איז פול געווארען מיט א שטיקענדען, נאסען, ווארימען שטראם, וואס האט אויסגעטריקענט דעם מארך פון די ביינער און געווארפען א מידקייט אויף אלעם.

---

## דאס זיעבענצעהנטע קאפיטעל.

# יוסעלע'ס טויט.

ביי דעם בעט איז געזעסען די מיס איזאבעל און האט געהאלטען יוסעלע'ס שוואך, בלייך הענדטיל און אריינגעקוקט איהם אין די אויגען אריין.

יוסעלע איז געלעגען אויפ'ן בעט. זיין פנים איז רויט געווען

און די היטלעך האבען זיך אריבערגעצויגען איבער זיינע הויכע ארויסגעזעצטע אויגען. אויף זיינע ליפען האט די מיס איזאבעל בעמערקט דעם שוועבענדען גלייכגילטיגען שמייכעל, און דער הארטער האלז, וואס האט זיך ארויסגעצויגען פון דעם בינדענדיגען לייבעל, האט, שווער עטעמענדיג, געארבייט. פון צייט צו צייט האט מיס איזאבעל איהם צוגעלעגט אייז צום קאפ, וואס הנה-לאה האט איהר צוגעטראגען אויף א טעלער. הנה-לאה האט שוין ניט געוויינט, מען האט אין איהר פנים געזעהן, אז זי איז מיעד שוין וויינענדיג. מאיר האט זיך ארויף און אראב איבער דעם שטיבעל געדרעהט, געביסען די בארד אין די צייהן, געריבען די האנד איבער'ן שטערן, געקרעכצט: אוי, טאטע! — און איז יעדעס מאל צום בעטיל צוגעגאנגען און א קוק געווארפען אויף יוסעלע'ן. אין שטוב איז שטיל געווען, טונקעל און חושך. מען האט די לאמפ אראבגעדרעהט, אז עס זאל ניט זיין אזוי הייס, און דאך איז די לופט אין שטוב געווען אזוי אויסגעשטארבען, און אזא פייכט-קייט און מידקייט איז געפאלען אויף אלעמען, אז רחל'ע און די „קאמאנדע" זענען געלעגען צונויפגעקוילערט אויף דער ערד, די קעפ געהאלטען אויף די שטיינערנע טרעפ פון קארידאר, אז עס זאל זיי קיהלען, און זענען געלעגען אזוי פערחלשט, אז מען האט ניט געוואוסט, צי זיי שלאפען, אדער זיי ליעגען וואך. ווארום די לופט איז אויסגעגאנגען אין אויר, עס איז ניט געווען מיט וואס צו עטעמען, און מענשען זענען געפאלען ווי פליעגען.

ווארום עס איז געווען איינע פון יענע זומער-נעכט אין ניו-יארק, ווען די לופט געדט אויס אין אויר, ווי מען וואלט מיט א פייער אויסגעברענט די לופט, און די מענשען הויבען אן פאלען איבער זיך, די גליעדער ווערען ווייך, צוגאנגען און ווערען לויז איינער פון צווייטען, אזוי אז דער מענש האט ניט די מעגליכקייט זיך מיט זיי צו בעדיענען. עס איז געווען איינע פון יענע זומער-נעכט, ווען מען הויבט אן מורא צו קריגען, אז ניו-יארק וועט ניט צו-מארגענס אויפשטעהן; איינע פון יענע נעכט, ווען די נאטור פערגעסט זיך, אז די מאנעטען-אינזעל איז שוין א ישוב;

און בלאָוט צוריק מיט יענעם ווילדען הומער, ווען די אינדיאַנער האָבען נאָך דאַ געוואוינט און די בופעל־אָקסען זענען צווישען די ווילדע בוימער געלעגען...

ציַיט דרײַ וואָכען, זינט די גרויסע היצען האָבען איינגע־טרעטען, איז יוסעלע קראַנק. קיינער האָט נישט בעמערקט, ווי דאָס יונגעל איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ שאָטען צווישען די זיַיניגע און האָט קיינעם נישט פערטרויט דאָס, וואָס האָט איהם געדריקט. אַ גרויס בענקעניש האָט אין זיַין האַרץ געגלידט נאָך דער אַלטער היים, נאָך דעם אַלטען לעבען, נאָך דעם יודישקיַיט. און אַליין איז איהם דאָ פרעמד געוואָרען, אפילו זיַין אייגענער פאָטער, וועל־כער האָט אַ גאַנצען טאָג געאַרבײַט און בײַ־נאַכט אַנידערגעפאַלען אַ מיעדער, אַ טויטער און האָט קיין ציַיט נישט געהאַט מיט איהם אַ וואָרט אויסצורײַדען; זיַין אייגענע מוטער, וועלכע איז געווען איינגעטונקט אין ווירטשאַפט און אָבגעגעבען זיך מיט די אַנדערע קינדער און באַלד צוגעוועהנט געוואָרען צו זייער פיהרען זיך און צו זייער לעבען, און זיַינע ברידער אודאי שוין. דער איינציגער מענש, מיט וועלכען ער האָט זיך געפיהלט באַהנט, איז געווען — מיס איזאַבעל, וועלכע איז צו איהם אַזוי גוט געווען, נור די איז איהם אַזוי פרעמד... איז דאָס קינד אַרומגעגאַנגען, אַ פרעמדער, און האָט געבענקט, נישט געגעסען, און אַ איינזאַמער, בעהאַלטען אין די ווינקעלעך, איז זיַין קערפער שמאַרק אויסגעמאַגערט גע־וואָרען. קיין געזונד קינד איז עס קיינמאָל נישט געווען, די צרות, וואָס ער איז שוין אויסגעשטאַנען דורך זיַין קליין לעבען, האָבען זיַין גוף'ל צובראָכען. און אַז עס האָבען אָנגערוקט די גרויסע היצען, צו וועלכע ער איז נישט געוועהנט געווען, האָט עס איהם אינגאַנצען אַנידערגעלעגט, ער איז אין הויז אַרײַנגעפאַלען, און די דאָקטוירים האָבען איהם רעצעפטען פערשריבען. ער האָט די רעצעפטען נישט געוואָלט נעהמען, גאָר נישט געוואָלט, נור גע־לעגען בעהאַלטען אין זיך, ווי ער וואָלט אין אַן אַנדער וועלט אַרײַנגעגאַנגען. מיס איזאַבעל האָט איהם פון ציַיט צו ציַיט בעזוכט; אָבער צו איהר איז ער אויך געוואָרען פרעמד. מעלאַנכאָליש שוויַיגענדיג, מיט קיינעם קיין וואָרט נישט אויסגערעדט, ליגט ער דאָ אַזוי, מיט זיַין אויסגעדאַרט פנים און אַרויסגעגלאָצטע אויגען, שוואַך פערוואָרפען דעם קאָפּ אויפ'ן קישען — ווי ער וואָלט געזאָגט: איך האָב נישט מעהר נור מיַין זינדיג גופ'ל, נאַט, אַז איהר ווילט עס, נעהמט עס צו.

אין שטוב איז אָבער געוואָרען אַזוי אינערטרעגליך, און דער אָטעם האָט אַזוי פערהאַפט, אַז מען האָט בעשטימט יאָסעלע'ן אַרויסצוטראָגען אין גאַס אַרויס. די מוטער האָט איהם גענומען אין שויס אַריין, זיין קערפער איז אַזוי איינגעשרומפען געווען, ווי ער וואָלט צוריק אַ קליין קינד געוואָרען, און האָט איהם אַרויסגעטראָגען אין גאַס אַרויס.

מים איזאַבעל האָט זיך געזעגענט מיט די עלטערן, איז צו צו יאָסעלע'ן, האָט זיך געוואָלט געזעגענען מיט איהם — נור ער האָט איצט געשטעקט אין אַנ'אַנדער וועלט, און האָט קיינעם ניט געזעהן.

אויף דער גאַס איז אָבער נאָך ערגער געווען ווי אין שטוב. פאַר די טהירען זענען געלעגען צונויפגעקוילערט גאַנצע פאַמיליעס מיט די קינדער און זענען געלעגען ווי שטיקער שמאַטעס, אַנגעוואָרפען איינס אויף דאָס אַנדערע, און האָבען זיך נישט געקאָנט רידהרען. די קינדער האָבען זיך אין די רינשטאָקען, אויף די טראָטואַרען אַרומגעוואַלגערט, טייל געשלאָפען, טייל געפאַלען פאַר מידקייט, און די מוטערס האָבען זיי פערשמוצט אייז־קרעם דערלאַנגט. אין אַ ווינקעל איז אַ יודענע געשטאַנען ביי אַנ'עמער לימאָנאַד, האָט מיט אַ שוואַך קול אויסגערופען איהר וואַסער, נור קיינעם האָט זיך נישט געגלוסט צו צושלעפען צו דעם עמער וואַסער; האַמש פילען האָט זיך געוואָלט טרינקען. נור די לופט איז געוואָרען וואָס אַמאָל איינגער, קיין בלעטיל, קיין פּאַפּיר׳ל האָט זיך נישט קיין רידהר געטהון, און צום סוף איז די יודענע מיט דעם קענדיל וואַסער אויך שטיל געוואָרען, און די לאָמפּ, וואָס האָט זיך דאָרט געברענט ביי איהר קרעמיל, איז פערלאָשען געוואָרען, ווי זי וואָלט אויך שוין געפאַלען. אַזוי איז די מידקייט געפאַלען אויף די קעפּ און האָט צולעמען צוגעדריקט צו דער ערד, און עס איז אַזוי איינג געוואָרען, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז נאָך אַ מינוט וועט דער הימעל זיך אַראָפּבריקען צו דער ערד צו און וועט אַלעס צודריקען מיט זיין לאַסט.

הנה־לאה איז מיט דעם קראַנקען יאָסעלע צוגעקראָכען אין רינשטאָק אַריין און האָט מיט איהרע הענד אויסגעשטרעקט יאָסעלע'ן אין דער ברייטער גאַס אַרויס, ווי זי וואָלט דאָרט געוואָלט אויסשעפּען אַ הויך לופט פאַר איהם צו עטעמען. אָבער יאָסעלע איז געלעגען אין דער מוטערס שויס און איז געווען פערנומען גאָר אין אַנ'אַנדער וועלט...

ער האָט זיך געפונען אויף אַ ברייטען, ליכטיגען וועג, וואָס

איז געווען אַזוי ווייס ווי הימעל־ליכט, און איבער דעם וועג, און איבער די פעלדער ביים וועג, וואָס זענען אויך געווען ווי שטיקער הימעל, זענען געגאַנגען יודען. די גאַנצע וועלט יודען, און פון אַלע דורות יודען, זענען געווען פערזאַמעלט אויף די פעלדער און אויף דעם וועג. וואָרים משיח איז געהאַט געקומען, און אַלע זענען צו תחית המתים אויפגעשטאַנען. און מיטען דער עדה שטעהט דער משיח אין אַ גרויסען טלית, און אַ גרויסער, גרויסער עטרה אויפ'ן קאָפּ, און אַלע אבות זענען אַרום אידם, און אַלע נביאים, און משה רבינו איז אויך דאָרט, און אַלע רבנים, וואָס האָבען װען אַמאָל געלעבט, זענען אַרום דעם משיח, און דער רב פון זייער שטעדטיל, ר' ישעיה'לע, וואָס איז געהאַט נפטר געוואָרען, שטעהט אויך דאָרט צווישען זיי; אַט זעהט ער אידם בעשיינבערליך. נור פאַר דעם משיח פיהרט מען אַ לויה, עפּיס אַ גרויסער צדיק איז נפטר געוואָרען, און דער מת איז אין אַ טלית איינגעהילט און מען טראָגט אידם אויף שטעקענס אין דער הויך איבער די קעפּ פון דער עדה, און די גאַנצע עדה איז נור פערזאַמעלט לכבוד דעם מת, וואָס מען טראָגט איבער די קעפּ. און עס איז עפּיס אַ גרויסע שמחה ביי דער לויה, לוים שפּיעלען אויף די האַרפען, און אָרגלען זענען דאָרט, און אַ גרויס, גרויס געזאַנג איז דאָרט, די גאַנצע עדה זינגט און טראָגט דעם מת, נור הינטער דעם מת געהט נאָך די מאַמע רחל אין אירע תכריכים און שווייגט, און זי איז אַזוי הויך, העכער פון דער גאַנצער עדה, און אַלע רוקען זיך אָב פאַר איהר; הערנאָך געהען די אבות, אַלטע לייט מיט לאַנגע ווייסע בערד, און הערנאָך געהט משה און אהרן אין צווייען, און זיי זענען אויך זעהר הויך, העכער פון דער גאַנצער עדה. און הערנאָך געהט דוד המלך איינער אַליין און אַ האַרפע האַלט ער אין דער האַנד, און ער איז נאָך גאָר אַ יונגער־מאַן; און נאָך איהם געהען נאָך די מלכי ישראל, און הערנאָך די נביאים אין ווייסען אָנגעטהון, און הערנאָך אַלע רבנים פון אַלע דורות, און דער רב פון זייער שטאָדט אויך בתוכם, און דערנאָך דאָס גאַנצע פאָלק — אַלע, אַלע יודען, וואָס האָבען װען אַמאָל געלעבט.

און צווישען דער עדה יודען, זעהט ער, רינגעלט מען אַרום אַ'ניאַלטען יודען מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד, און אַ גרויסען קאָפּ האָט ער, און אַ שטעקען האַלט ער אין דער האַנד — דאָס איז רש"י, אַ גרויס חומש האַלט ער הינטער'ן אָרעם, און אַלע יודען

דינגלען איהם ארום און גיבען איהם שלום עליכם אב. און משיח געהט פאראויס פאר אלע, ער פיהרט אן די לויה און וויזט נאמט זיין האנד אן, ווי מען זאל געהן. און דער וועג איז גאנץ וויט, און וואס ווייטער מען געהט אויפ'ן וועג, מעהר הימלישער ווערט ער, און פיהרט צו די הימלען צו, וואס זענען דארט ביי יעק וועג — און דער הימעל איז ווארט ווי אים, דארט הויבט זיך אן א נייע לעבען פון הימעל, און אזוי ליכטיג איז דארט, אז מען קאן נישט אריינקוקען אין דאס ליכט אריין, נור אין דעם ליכט זעהט מען ווי מלאכים שטעהען און ווייסען און ווארטען אב די לויה, אז די זאל אנקומען צו זיי. און וואס מען קוקט אריין טיעפער אין הימעל, מעהר מלאכים שטעהען דארט, און די לויה פיהרט צו צום הימעל, ווארים משיח וויזט אן מיט'ן פינגער דארט צום הימעל, און פליצלונג פיהלט ער זיך, אז ער איז דאס דער מת אין טלית, און איהם פיהרט מען דאס אין הימעל אריין. און וואס מעהר מען געהט, וואס נעהנטער מען קומט אן, אלץ ליכטיגער ווערט דער וועג, גאנצע שטיקער הימלען טרעפט מען אן, אט באלד, באלד וועט מען אנקומען אין דעם הימעל אריין — נור דערווייל געהט מען נאך אלץ אויפ'ן וועג, און אט באלד ווערען שוין די געזאנגען שטילער, שטילער, ציהען זיך אוים, די אויגען הויבען אן צו שווינדלען פון ליכט, דער קאפ וואקעלט זיך, משיח טראגט שוין אריין אין הימעל אריין, א פערבלענדעניש איז ארום, אז עס הויבט אן צו טונקלען פאר די אויגען. אט טראגט מען שוין אריין די, וואס טראגען די לויה, און באלד האט זיך אויפגעעפענט א שפאלט הימעל און אלע זענען אראבגעזונקען אין דעם ים פון הימעל — און יוסעלע איז געשטארבען אויף הנה־לאה'ס הענד.

אז הנה־לאה איז צוריקגעקומען פון יוסעלע'ם לויה, וואו מען האט איהם בעגראבען אויפ'ן גוטען ארט פון די חברי אנשי לעשנא — האט זי געהאט דאסועלבע געפיהל, וואס זי האט געפיהלט ביים פערלאזען אידרע קינדער'ס קברים אויפ'ן לעשנער גוטען ארט, און זי האט געטראכט, ווי אזוי וועט זי זיך קאנען אוועקציהען פון דאנען און איבערלאזען יוסעלע'ס קבר דא.

און אידר האט זיך געדאכט, אז זי מוז שוין דא פערבלייבען אויף דער ערד, — זי האט שוין דא א קבר.

)— ענדע —(